STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00543

SHTRALNDIKE YIDN

Jacob Glatstein

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. David S. Edelstein
in memory of
William Edelstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטראַלנדיקע ייִדן

שטראַלנדיקע ייִדן

פון

יעקב גלאַטשטיין

פֿאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

RADIANT JEWS

Poems by

JACOB GLATSTEIN

Copyright by
JACOB GLADSTONE
New York, 1946

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

200

אינהאַלט

אַ געזאַנג וועל איך זינגען

שיר — אַ געזאַנג — — — — — — — — — — — — — — — 5
ווידערשטאַנד אין געטאָ — — — — — — — — — — — — — 7
יזכור — — — — — — — — — — — — — — — — — 10
נישט די מתים לויבן גאָט — — — — — — — — — — — — 12
רויך — — — — — — — — — — — — — — — — — 16
—אל תדין — — — — — — — — — — — — — — — 17
עול — — — — — — — — — — — — — — — — — 22

אין אַ נאַכט פון ירידה

דער בראַצלאַווער אין אַ נאַכט פון ירידה — — — — — — — 52
אַ וואָרט אין מויל — — — — — — — — — — — — — — 33
פסוקים — — — — — — — — — — — — — — — — — 34
אָן יידן — — — — — — — — — — — — — — — — 37
מיין וואָגל־ברודער — — — — — — — — — — — — — 39
הייליקער נאָמען — — — — — — — — — — — — — — 42
דער גאָט פון טרויעריקן שבת — — — — — — — — — — 44
אונדזער טאָגנדיקע נאַכט — — — — — — — — — — — 47
נאַכטלידער — — — — — — — — — — — — — — — — 48
די היינטיקע נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 54

איבער מיין טרויעריקן דאַך

פון אַ בריוו — 57
י. ל. פּרץ — 60
מאַצאַרט — 62
שאָפּען־נאָקטורן — 63
וויין פון לידער־ביכער וואָס כ׳האָב געזופּט מיט יאָרן צוריק — 66
לייענענדיק דעם „אחיספר״ — 70
דער וועלט־בויך — 78
כ׳דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאָבווײ — 81
אַ קרישקע זון — 88

מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט

מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט — 91
אַ יידישע קרוין — 93
מיין טאַטע יצחק — 95
דער עלפּטער — 96
דער זיידע ענזל וועקט זיך — 97
מיין ברודער בנימין — 99
ווי די ביימער — 101
סוצקעווער — 102
פּופּציק יאָר — 104

כ׳טו דערמאָנען

כ׳טו דערמאָנען — 107
לובלין, מיין הייליקע שטאָט — 122

א געזאַנג װעל איך זינגען

שיר — אַ געזאַנג

דאָס צאַרטע צערטל, ס׳וואוילוווערטל,
די זיפּצלדיקע פּידלדיקייט, פֿאַרלידלטע טרער.
שאָפֿענס סקעלעטישע פֿינגער,
נאָקטורנע כמורנעקייט פֿון קעצלדיקן באַגער.
וועלטשמערץ, איידעלער ווייטיק,
צווישנזיפֿץ פֿון ער און זי און בעט,
בלויע רייד, חלומות־באַשייד,
רויכערן זיך אַצינדערט
אין אויגן־לעכער פֿון יעדער סקעלעט.
וועלט, צענדליקער יאָרהונדערטער
האָסטו אין וואָסערע צען יאָר פֿאַרשענדט.
מיליאָנען ביכער האָסטו אויף אייביק פֿאַרברענט.

שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צום שאָטן פון זאַכן,
צו הונגער, אויסגעצערטקייט פון ביינער און הויט,
צום טרויעריקן עכאָ פון לאַכן,
צו דער באַשטענדיקייט פון טויט,
צו דער וויסטער אייביקייט פון טויט.
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צו די באָרוועסע, וואָגלערישע פיס פון דער כנסת־ישראל,
צו אירע סימבאָלישע, שיר־השירימדיקע בריסט,
צו די יידישע שטעט, וואָס גאָט, איר באַשערטער,
האָט אין זיין שוועבלדיקן צאָרן פאַרוויסט.

קלויסטער־גלעקער קלינגען.
ליב־באָם, ליב־גלין־גלאָן.
רויב־דם, גלויב־פאַרדאַם.
ליב שכן — ליב.
שטעל אויף באַק — ליב.
פאַרגיב־לאַם, לאַם־בלוט,
זינד־פאַרדאַם.
גלין־גלאָן, מוראדיקע קלויסטער־גלאָקן קלינגען.
צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כנסת־ישראל,
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

מען זאָגט — ס׳טאָגט. דער מזרח העלט.
מען זאָגט, ס׳בויט זיך שוין אַ נייע וועלט.
אין גלויביקע, קרעפטיקע הענט
שווערע האַמערס שווינגען.
צו מיין פאַרפייניקטער אידישער וועלט
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

ווידערשטאַנד אין געטאָ

מיר זיינען געווען פאַרהונגערטע,
צעטראָטענע, פאַרשלאָפטע יידן.
מיר האָבן נישט געוויינט, נישט געמאַכט קיין געוואַלדן.
די ערד האָט אונדז שטיל געהאַלטן.
איצט זיינען מיר שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן.
מיר זיינען טויטע יידן.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן,
פאַרברודערט, פאַרצווייגט און געוואָרן
אַ וואַלד מיט שווארצע בוימער.
דער שומר האָט איבער אונדז געבייטשט מיט בליצן.
נאָר דער וואַלד האָט געברענט אָן שרעק,
דאָס פייער האָט צו די הימלען גענומען קלעטערן און שטייגן,
ס׳האָבן געזונגען די צווייגן.

מיר זיינען געווען קליינע, פֿאַרשעמטע טאַטעלעך,
פֿאַרקרענקטע מאַמעלעך.
צו דר׳ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאַרבענע קינדער.
מיר האָבן גאָרנישט געזאָגט,
מיר זיינען געווען אָן לשון.
פּלוצים האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים.
מיר האָבן געשריגן העכער און העכער,
ס׳איז פֿון אונדז אַלעמען געוואָרן —
איין געטלעכער אַנאָנים.

זיי זיינען געקומען, געלאָפֿן,
געפֿלויגן, געפֿאָרן איבער אונדזערע לייבער,
זיי האָבן אויף אונדז געגאָסן הייסן אויל.
אונדזערע קברימדיקע שטיבלעך זיינען פֿאַרשוואונדן.
זיי האָבן אונדז אַרומגעצונדן.
אָבער מיר האָבן געוואַנדלט אין פֿייער.
די קליינע טאַטעלעך זיינען געוואָרן
וואַלדיקע כאָרן.
און מיר האָבן אַזוי געזונגען:
מיר זיינען דער וואַלד
און דער וואַלד ברענט,
און גאָט שפּאַצירט מיט אונדז
אין ברענענדיקן וואַלד.

מיר זיינען געקראָכן, געגאַנגען,
אויפגעשטאַנען צום לעצטן שטיי.
ס׳האָט אונדז אויף די פּיס געשטעלט
אונדזער שוידערלעכער געשריי.
מיר האָבן געשאָסן, מיר האָבן געטויט.

מיר האָבן געשאָכטן און געוואָרגן.
מיר האָבן געזען זייער בלוט,
געזען מיט לעבעדיקע אויגן.

פונקען זיינען ווי שטיקער זון געפלויגן.
ווי וואונדערלעך דער וואַלד האָט געברענט.
און מיר האָבן געשאָסן,
מיר האָבן געזען ווי זייער בלוט אין גערונען,
זייער בלוט האָט זיך געגאָסן.

מיר זיינען שוין מער נישט געקראָכן, מיר זיינען געלאָפן,
געצילט, געשאָסן און געטראָפן.
מיר האָבן געזען זייערע טויטע קעפּ
און געשטאָרבן מיט זייער טויט
אין אונדזערע אויגן.
מיר האָבן זיך איינגעפלאָכטן, איינגעצווייגט,
מיר, די שטומע, האָבן ווי זיגרייכע קעמפער
געשריגן מיט איין שטים —
מיר, דער געטלעכער אַנאָנים.

מיר האָבן גאָרנישט געוואונען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט.
אָבער אין דער געטלעכער פינצטערניש
שפּאַצירן מיר קליינע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דר'ערד געבויגענע ייִדעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זיינען צופרידן.
מיר זיינען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע ייִדן.

יזכור

יונג און איצטיק זיינען די געוויינען פון אונדזערע קהילות.
ס׳בליט דער טוי אויף די בית עלמינם
פון אונדזער אַוונטיקן גלות.
אָפּגעפרישט ווערן די ווערטער פון אונדזערע תפילות.
היינטיק די קלאַגן פון אונדזערע אל מלא׳ס.
אומזיסטיק איז דער טויט פון יחיד און נאַריש.
דער מאַרטירער־טויט פון מיליאָנען איז לעגענדאַריש.

נאָך אַזויפֿיל טויטן שטייען מיר אויפֿסניי געבוירן.
זיי האָבן אונדז געגעבן לעבן.
טויטערהייט האָבן זיי אויפֿגעפּראַלט די געטאָ־טויערן,
און אַרויס פֿון קנעכטשאַפֿט הויך־דערהויבן —
זיי האָבן אונדז געגעבן גלויבן.

ווען נישט זייער וואונדערלעכער קרבן,
וואָלטן מיר אַלע פֿאַרשעמטערהייט געשטאָרבן,
אָן נקמה, אָן טרייסט, אָן האָפֿן.
נישט זייערע באַצווייִנגער צו פֿאַרווײַלן,
האָבן בלינדע שמשון׳ס אַ טרייסל געטאָן די זײַלן,
זיי זײַנען אַרויס פֿאַרברעכן צו באַשטראָפֿן.

נישט אין באַהאַלטענעם גערילאַ־קאַמף,
אין דערשראָקענעם לאָקער און פֿאַרגנבע,
נישט אין באַזונדערניש, נאָר אויף אַ זוניקער קאַנווע,
האָבן אונדזערע ברידער געצייכנט אָפֿענעם רעוואָלט.
די אָנגעשראָקענע האָבן זיך פֿאַרשטאָלט.
דער שונא האָט באַצאָלט.

לאָמיר זיי פֿאַרשרייבן, ברידער,
אין אַ נײַעם מחזור, אַ נײַעם סידור.
אונדזער גאַנץ מאַרטירער־לעבן אַנטקעגן זיי ווערט בטל.
ס׳קען רשעות לאַנג נישט זיצן אין זאָטל.
ווײַל זייער געדעכעניש יאָמערט אויף אַלע וועגן.

אין אַלע תּפֿילות לאָמיר זיי דערמאָנען.
אין אַלע יזכּור׳ס וועלן מיר זיי באַוויינען.
אין אַלע יתגדל׳ס זאָל מען זיי דערקאָנען.
אונדזערע אַלע התּקוה׳ס זאָלן זיי באַשײַנען.

נישט די מתים לויבן גאָט

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינע אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן-תורה
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוואונדערן

אין אַזאַ פאַרכּטיק מעשהלע.
כ׳וועל פאַר אים אויסשטערענען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אַזוי:
ס׳יידישע פאָלק איז אַ פייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך ניט געבאָרענע.
אַלע יידישע נשמות האָבן אָפּגעענטפערט:
מיר וועלן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידיש יינגעלע פון אַלע דורות,
ביזט אויך ביים באַרג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע-מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה,
ביזט געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיק באַרג ווי מיט אַ טלית.
ס׳איז געווען שבועות — יום-טוב פון גרינס.
האָסט ווי אַ זינג-פויגל מיטגעזונגען:
כ׳וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

יידיש יינגעלע, אָנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ׳האָט דיך אויסגעהאַפּט און אויסגעגעבטן,
אַלעמאָל ווען מיר זיינען געווען, ביזטו אויך געווען.

און ווען מיר זיינען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונדז נישט געוואָרן.

און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זיינען טייערע נשמות אָנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג געשטאָרבענע,
פאַרפייניקטע, אויף אַלע פייערן אויסגעפרואווטע,
נאָך נישט געבאָרענע,
אַלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער-זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן,
אַלע וואָס זיינען ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,
מרים און דבורה הנביאה,
זענען מיט תחינות און געזאַנגען אויסגעגאַנגען.
משה רבינו וואָס האָט אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען,
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך
און דער רמב״ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר״ם און מהרש״ל,
דער חוזה און אברהמעלע אייגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין יסורים,

זיינען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק ייִנגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זים ווי אַ טויב האָסטו געשטרעקט דיין האַלדז
און געזונגען מיט די אָבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פאַרמאַך די אויגן, ליב יידיש ייִנגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן פון לובלין.

און איבער די גאַז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געדרויכערט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָשענער סיני.
ייִנגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אַריינגעוויינט דיין געוויין אין אַ טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אַזוי האָסטו געוויינט:
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

רויך

דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען,
קרויזט אַרויף אַ ייִד צום עתיק יומין.
און ווי נאָר דער רויך פאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.

און אויבן אין די הימלישע הויכן,
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, דאָרט וואו דו ביסט דאָ,
דאָרטן זיינען מיר אַלע אויך נישטאָ.

אל תדין

שוין נאָך האַלבער נאַכט,
ביי אַ נישט־דערטרונקען גלעזל טיי,
זיצט פאַרטראַכט אַ יידישער זשורנאַליסט.
דעם אומזיסט פון אונדזער וויי
האָט ער נאָר־וואָס נאָך מער פאַרטיפערט.
ער האָט פאַנאַנדערגעציפערט אונדזער פיין,
און דעם ווייטיקדיקן וויין געטרונקען
שלוק נאָך שלוק.

דער שלאָפראָק און די שטעקשיך
שלעפערן דעם מידן קאָפּ.
אָבער איידער ער גייט שלאָפן מוז ער נאָך,
מיטן גאַנצן טראָפּ טאָן אַ דריק,
אַז מיר שטייען אויפן מיטוועג פון טויט,
אָן אַ פאָראויס, אָן אַ צוריק.
און אויפן מיטוועג שטייט פאַר אים גרייט
אַ ווייך בעט,
און אַרום בעט — צוקאָפּנס, צופוסנס,
פון לינקס און פון רעכטס,
וואַכן מלאכים פון שרעק און פון שלעכטס.

ער פאַררויכערט.
דער ציש פון פייער גיט אַ נאַש,
פאַרגליט אין פורעמדיקן אַש.
דאָס ציגאַרעטל נעמט זיך צעשטיפן
און באַשרייבט די גאַנצע שטוב
מיט רויך־היראָגליפן.
און אין דעם ציקלדיקן געשריפט,
ווערט יעדער וואָרט זיינס אַריינגעטריפט,
אַריינגעטריפט און איבערגעזעצט,
אויסגעמוחט און איינגערויכט,
ביז יעדער וואָרט ווערט פאַרקרייט אין אַ הענער־לאַך,
ביז ער לייענט זיך אַליין
אויף רויכן־שפראַך.

און אַלץ קרויזט אַרויף, קנוילט זיך, קרייזט,
ווערט אויפגעלייזט.
נאָר אַ רויכל אַ קליינס בלייבט הענגען ווי שפינוועבס
וויל נישט צעגיין,
און צעהוסט זיך פּלוצים אין אַ שטיקנדיק געוויין.

פון דאָרט וואו רויכן אייביקן אומשטערבלעך,
פון פאַרקוילטע טאָגן און נאַכטן,
קום איך צו דיר קלאָגן —
אַ פאַרברענטער פּחדן.
ניין, כ׳האָב זיך נישט אַקעגנגעשטעלט,
איידער מ׳האָט פאַרברענט מיין וועלט,
ווי צו מיר, וואָס כ׳שטער דיין שלאָפן,
ווי צו מיר, וואָס כ׳הער דיין שטראָפן.
שטאָט אַ העלדן-אומגליק האָב איך דיר געגעבן
אַן אומגליק אַ פאַראַכטן,
ווי צו מיר, פאַרברענטער פּחדן.

מיין קינד וואָס האָט צעריסן די נאַכט
אויף הונגער-געוויינען, איז געווען אַ העלד.
איך וואָס האָב זיין מויל פאַרשטעלט,
בין דער שרעקעוודיקער געווען.
כ׳האָב געוואוסט מיין קליינוווערט.
כ׳האָב געמיינט אַז ס׳וועט מיר זיין באַשערט,
צום חשבון דיינעם צוצושטעלן
נאָך עטלעכע צעטראָטענע יידן.
דערפאַר זיינען מיר מיט אונדזער צוזאַמענדיקן שרעק
געווען צופרידן.
אין אונדזער פּחד-שאַנד
איז געלעגן נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד.

און אויף אַזויפיל זיינען מיר געווען צוזאַמען,
כאָטש דער שונא, האָט קינד און פרוי, מאַן און זקן,
פאַנאַנדערגעשראָקן, פאַנאַנדערגעשוידערט,
ער האָט אונדז דערנידעריקט, צעטראָטן,
מיט אָפּנאַרערישע ליכט אין טויטע פענצטער,

מיט צוזאָגן אויף קליינע פּענעצלעך לעבן,
מיט קליינע הבטחות און מערדערלעכע פאַרבאָטן.
מיט אפשרם אויף מאָרגן.
אונדזער גאַנצער וואָפן איז געווען האָפן.
מיר האָבן געמיינט מיר וועלן געבן די זקנים,
וועט מען שאַנעווען טאַטעס מיט מאַמעס,
וועט דער משחית אפשר רחמנות האָבן אויף קינדער —
אונדזער פחד איז געווען געדולד פון קדושים.

מיר האָבן געזאָגט צו זיך:
טויטע שטיל באַקלאָגן און אַריבערטראָגן.
ס'איז לייכטער געווען ווידערשטיין און ווערן אַ מת,
ווי לעבן די פיר און צוואַנציק שעה
פון אַ יאָרן־לאַנגן מעת־לעת,
אָבער מיר האָבן זיך פאַרשוואוירן:
יעדער ווידערשטאַנד פאַרטרייב,
אפשר וועט פאַרט בלייבן אַ פאַרבלייב.
דאָס איז די אַלכעמיע פון געצאַמטער שרעק.
דעם שונא ניט געבן דעם וואוילטאָג
פון איינזייטיקן ספּעקטאַקל.
מיר האָבן געוואָלט זיך ציילן
אין אַ לעבעדיקן סך־הכל.

און וואָס זיינען דען געווען אונדזערע
ספּאַראַדישע ווידערשטאַנדן?
געפלאַצטער גלויבן, אויפגעריסענע, דיסציפּלינירטע מורא.
געקראַכטע ווערדע פון האָפן.
נישט נאָר נקמה, נאָר דער ווילן איינצושלאָפן,
ווייל דער מאָרגן איז שוין געלעגן
אין דעם היינט אַ פאַרברענטער.

דעמאָלט איז הינטער יעדער אויפשטאַנד,
הינטער יעדער אַקעגנשטעל
און געראַנגל פאַרשמאַכטן,
געשטאַנען אַ מיליאָן־קעפּיקער פּחדן,
יעדער איינציקער גבור איז געגאַנגען
מיטן כוח פון אַ גאַנצער טויטער עדה,
יעדער אייניקל איז אָנגעשראָקן געוואָרן
מיט גבורה,
מיטן כוח פון אַ טויטן זיידע.

וואָס קומסטו מיך משפּטן,
וואָס קומסטו זיך מיט מיר לאָדן,
איך, דאָס ביסל רויך, שריי אויס צו דיר:
אל תדין.
כ׳דערזאָג דיר, חלילה, נישט דעם סוף פון פּסוק,
נאָר ווי קען איך דיר פאַרגינטיקן דעם שאָדן,
פאַר דיין צערונענער אילוזיע
פון אַ לעגענדאַרישער העלדן־סטאַטיסטיק.
איך, דער פאַרברענטער אמת,
בין די מיסטיק פון דיין פאָלק.
צי אַרונטער די ווייכע שטעקשיך,
נידער אַרונטער פון דיינע זשורנאַליסטישע הויכן.
טרעט נישט צו נאָנט
צום צווישן־ערד־און־הימל
פון הייליקע רויכן.
איך בין דיין פאַרברענטער,
נישט־דערקענטער העלד.
הער אויף מיט דיינע אויסגעחשבונטע פאַרדאַכטן,
ס׳רעדט צו דיר דיין זעקסמיליאָניקער,
העלדישער, נאַציאָנאַלער פּחדן.

ע ו ל

מען דאַרף האָבן כח צו מאַכן
פון א יום-טוב אַן אינדערוואָכן,
און נישט ווי אַ קראַנק יינגל בענקען
נאָך דעםביימל פון דעם שכן.

אונדזער פרייד איז עול.
אונדזער כח — קול.
אונדזערע שמחות זיינען תעניתים.
אין אונדזערע שולן דאַווענען מתים.

אין א נאכט פון ירידה

דער בראַצלאַווער אין אַ נאַכט פון ירידה

1

ס׳פרעסט מיך אויף אַ פאַרדראָס,
ווייל כ׳האָב געגלויבט אין שטומען אות,
כ׳האָב מצרף געווען וואָרט מיט קלאַנג,
און געמיינט, אַז ס׳איז געזאַנג,
געריסן פון זיך פאַס נאָך פאַס,
און געמיינט ס׳איז דיין פאַרלאַנג.
געשריגן צו דיר: גיב!
און ווי אַ חצוף געוואָרט אויף דיין געשאַנק.
כ׳האָב זיך דיר צופיל געוואָרפן אין די אויגן,
געטאָפּטשעט אין אַ בלאָטע
און געמיינט, אַז כ׳בין געפלויגן.
און ווייל מיינע ווערטער זיינען ליידיקע נים,
נעם מיין מויל און פאַרשלים.

2

טויזנט יידן זוכן תכלית
און איך — זיך אַליין.
טויזנט יידן מיינט חדוה.
און איך — מיינט געוויין.
טויזנט אידן האָוועז, לויפן,
איך בין ווי אַ שלאַמאַק קריכיק,
אין דעם צוזאַמענדיקסטן מנין,
בין איך פאַרדווייקעט, איכיק.

3

איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע,
זיי נישט אַזוי פאַרריסן ביי זיכעלע.
כ׳האָב געהערט זאָגן, ווילסט ווערן אַ מנהיג ביי יידן
לאָז זיי צופרידן.
ווייסטו אַזוינס, וואָס ס׳הייסט ייד צווישן פעלקער,
צווישן אַזויפיל פאַרדאַרבער און פאַרוועלקער?
פאַרמאָגסטו דעם כוח, איז דיין וואָרט דערהויבן,
דו שטויב פון שטויבן?
איכעלע, נעם אַרוים אַ נאָז-טיכעלע,
וואַקס פריער אויף און וואַקס אַריין,
אַ ייד צווישן יידן.
דרך־ארץ פאַר דיין גרוים פאָלק —
לאָז זיי צופרידן.

4

אין דער שעה פון מיין ירידה,
קרעכצן מיינע אברים מידע.
כ׳ווער אַ וואָגן אָן אַ באַלעגאָלע —

מיין גוף נעמט איבער די ממשלה.
ס׳צערעדן זיך מיינע צענדליקער חולאתן,
זיי צערענען אַנטקעגן מיר און כעסן,
ס׳ביסל ליכט אין מיר, מ׳שטיינס געזאָגט,
ווערט אריינגעדרייט —
און אָט גיי איך פון דער וועלט יונגערהייט.
מיטאַמאָל דערהער איך ווי דער זיידע זאָגט:
כ׳האָב דעם משחית פאַריאָגט.
זע, ווי ס׳חשכות טאָגט.
שטיל איין ס׳געשריי פון דיין לייב,
נעם דעם צעבראָכענעם וואָגן און טרייב.

5

ניין, כ׳וויל היינט זיין לייב.
כ׳וויל דערהערן דאָס קול פון ליים.
כ׳וויל צוריק לערנען אלף־בית און טראַף
און כאַפּן דעם קרעכץ פון באַשאַף.
זיסער ווייטיק פון מיין האַנט,
ליבער קראַמף פון מיין פוס,
דערשטיקטער אָטעם מיינער פון אַ כזית לעבן,
היינט וועל איך צו אייך זיך איבערגעבן.
כ׳מוז אייערע געדעכטע טענות הערן,
און לויטערן זיך אין אייערע כשרע טרערן.
די שטריימלדיקע נשמה וואַרפט צו שיריים,
דעם גוף, דעם פראָסטן חי וקים.
פאַרוואָס פאַרפּשטלען ווייטיק
און טובלען זיך אין צער?
זאָל דער עם־הארץ־ווייטיק
זיין היינט מיין האַר.

ר׳האָט נעבעך אַ פול מויל מיט געדעכטס,
אַז ס׳איז אַ תענוג אים צו הערן,
היינט איז זיין שבת־קודש
און מען טאָר אים נישט פאַרשטערן.

6

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז כ׳וויל זיין
אַ פּראָסטינקע־זמאָסטינקע יידעלע.
באַדיי מיט אַ פאַרגרעבט קעפּעלע,
נאָר מיט אַ ווייך הערצעלע.
מאַכט אימיצער אַ קרומע מינע —
קום נישט אָפּ מיט אַ פויל תירוצעלע.
מיר זיינען אַלע קינדער פון דער וואָכיקייט,
די שבתים זיינען הייליקע לאַטעס.
לאָמיר נישט פאַרגעסן אָן די מיטוואָכס —
אָן אונדזערע פאַרהאָרעוועטע טאַטעס.
איז — מוחל אַ נשמה פון זיידנצייג,
גיב מיר אַ נשמה מיט פּגמען,
זאָלן די אַטלעסענע קאַפּאָטעלעך
נישט פאַרגעסן פונוואַנען מיר שטאַמען,
ווייל די קוגלדיקע שבתדיקע פרומקייט
שטאַמט פון ראַזעווער וואָכיקער שטומקייט.
און אַלץ וואָס מיר קענען און אַלץ וואָס מיר ווייסן
איז צוזאַמענגעשטעלט פון פּראָסטע אלף־ביתן.

7

וואָס מער כ׳דערהויב זיך צו דיר,
וואָס מער כ׳דערגלויב זיך צו דיר,
וואָס מער איך קלעטער צו דיר ווי אַ בער,

אַלץ לענגער ווערט דער וועג און שווער.
וואָס מער איך צעפּייניק מיין לייב,
וואָס מער איך צעפּאַסט מיינע גלידער,
אַלץ דערוּוייטערטער ווער איך פון מיינע ברידער.
און מיינע ברידער זיינען וואוילע יידן,
פאַרוואָס שריי איך זיי רק אַריבער?
כ׳וויים, אַז קהלס תפילה
איז אָנגעלייגטער און ליבער.
כ׳וויים, כ׳מאַך פון זיך אַ בלאַזן,
וואָס איך גאָרגל זיך מעשה חזן.

8

פאַרגונ מיין נשמה און גיב מיר כוח צו לעבן,
פאַרשטאָלץ מיך נישט מיט צופיל קדושה,
שענק מיר דעם שטרויכלערס תענוג
פון שטילע זינד און שעמעוודיקער בושה.
און מיינע זינד שפּיגלען זיך אין דער בושה,
ווי דערשראָקענע אויגן אין אַ פאַרהויכטן שפּיגל.
צוזאַמען ווערן מיר פאַרקינדישט
און מיר שלאָפן איין אין שטילן וויגל.
אינדערפרי קוק איך אַרויף צום הימל
און שיק אַרויף שטומע לידער.
כ׳דערפיל די ברכה פון לעבן אין טאָל
און דעם גן־עדן פון דער נידער.

9

אַרום אַן איינציקן בוים וועלקט אַ גאַנצער פאַרנאַכט.
אויפן בוים ציטערן אומרואיקע צווייגן,
שטילקייטן וואָלקענען דעם בוים.

וויגן איין אים און פאַרשווייגן.
מיינע אַלע רייד זיינען איצט פאַרפינצטערט,
אַלע מיינע אמתן לייגן,
ס'איז מיין שעה פון זינקענדיקער ירידה,
פון פאַלן און נישט פון שטייגן.
כ'וויל עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט נישט קיין האַפט,
כ'וויל בעטן, נאָר מיין געבעט איז פאַרשטומט,
כ'וויל לויפן פון זיך, נאָר מיין וועג איז פאַרקרומט —
איין האַנט צעשטערט, וואָס די אַנדערע שאַפט.
ס'באַפאַלט אַ פינצטערניש דעם בוים,
אַ גאַס־רעגן צעשלאָגט די צווייגן.
גיב מיר כוח אין דער שעה פון ירידה,
אין מיין שעה פון פאַלן און נישט פון שטייגן.

10

דו ביזט דאָ, איך בין דאָרטן,
כ'בין אַליין ווי דו, מיין ווייב.
כ'בין דיר געטריי.
דיין באַזונדערניש איז אַ געבענטשטער גאָרטן
אַנטקעגן מיין וויסטעניי.
שפּאַנסט פאַרביי, מיין ווייב,
דיינע אויגן, דיינע ליפּן מאָנען,
כ'גיי אַליין אין פינצטערניש
און קען דיך נישט דערקאָנען.
פינצטערסט אָפּ מיט מיר דיין וועלט,
באַוויינסט דיינע יונגע יאָרן,
כ'דערוויטער זיך צו דיר אַלץ נענטער,
ביז איך ווער פאַרלאָרן.
איז דאָס שידוך, איז דאָס זיווג,

וואו איז ס׳גליק פון באַמאַנען?
אַ ווינט פאַרטראָגט דיינע ווערטער,
נאָך איידער כ׳האָב זיי פאַרשטאַנען.

11

מאָרגן טירקלט ווי אַ שטילע טויב.
אַ נאָענטע האַנט דערהייבט מיך פון שטויב.
און ווערט דערווייטערט.
מיין הימל ווערט בישלעכווייז אויסגעלייטערט.
כ׳גיי אַרויס און ס׳קומען שטילקייטן מיר אַנטקעגן,
פון אַלע זיבן וועגן.
שטילקייטן זיינען נישט קיין שטומקייטן.
שטילקייטן ריידן אַ זיידן גערייד.
ס׳פליגלט אויף אין מיר אַ וואַכע פרייד.
מיינע אַלע חושים טרינקען טאָג.
אַ שוועלבעלע פאַרלירט אַ פעדערל און ס׳האָט וואָג.
אַ פויערל זאָגט גוט־מאָרגן און ס׳האָט האַפט.
אַ מערעשקע שלעפט אַ זעמדעלע מיט קראַפט.

12

אַ גוט־מאָרגן דיר, האַר און באַשעפער,
אַ גוט־מאָרגן דיין זון און דעם
קוים־קוימיקן וואָלקנדל,
וואָס שלייערט דאָס ליכטיקע פנים פון טאָג.
ס׳האַרץ וואַקסט אין מיר און אָט
קריג איך פליגל און פלי.
נאָר טאָמער ווער איך ביי זיך צו גדול,
פּאַטש מיך גלייך אַרונטער,
און פאַרטרויעריק מיינע אויגן,

ווען איך ווער צו טענצלדיק און מונטער.
און באַהיט מיך פון צו ווערן אַ זנאַכער,
אַ היילער, אַ טיילער פון קמיעות,
אַ פּרעפּלער פון שטומע ווערטער,
וואָס זיי אַ חכם און פאַרשטייעס.

זע כ׳זאָל זיך צופיל נישט בלאָזן,
און ווערן אַ הייליקער אינדיק,
טאָמער זעסטו איך ווער אַ קדוש,
מאַך מיך אַ טראָפּעלע זינדיק,
מאַך מיך פאַר אַ פּשוט מענטשל,
און גלויב מיר, כ׳וועל זיין צופרידן,
ווייל ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שענערס און בעסערס
פון אַ פּשוטן וואוילן יידן.

אַ גוט-מאָרגן דיר, רבונו דעלמא,
כ׳גרויס דיין נאָמען און איך בענטש.
אַזוי דאַוונט צו דיר, גוט-ברודעריש,
אַ פּראָסטער, זמאָסטער מענטש.
כ׳נעם אָן אַלע דיינע חסדים.
אויף אַלץ וואָס דו באַשערסט מיר בין איך קאַפּאַבל.
מיט פרייד וועל איך זיין אַ נותן,
און כ׳בין נישט צו שטאָלץ צו ווערן אַ מקבל.
און שפּאַנען וועל איך היינט, שפּאַנען און שפּאַנען,
ביז ס׳וועט זיך הערן אַ בת-קול פון דיין פענצטער.
פון אַלע קליינע, פּראָסטע מענטשעלעך,
ביסטו, בראַצלאַווער, דער פּראָסטסטער און דער קלענסטער.

אַ וואָרט אין מויל

וואָס פאַרמאָגסטו דיין אייגנס?
אַ וואָרט אין דיין מויל.
נעם דעם טייטש דערפֿון און פאַרהויל.
קום צו דער וועלט אין אַ פאַרנאַכטיקער קרוין.
שטעל אויף די האַנט און בעטל דיין לוין.

ס'האָגלען געשייען אויף אַ דערשראָקענער וועלט.
ראַטעווע זיך פאַר אַ שאָטן פאַרשטעלט.
פאַרקליינט און פאַרגאָרנישט, פאַרשלאָפֿט און פאַרמידט.
פאַרשנייט זאָל ווערן דער טורעם פון דיין ליד.

פאַרטרייב דיין יורש,
נעם דיין לעצטן קדיש און פאַרשטויס.
פאַרטיליקט זיינען די לענדן פונוואַנען ביסט אַרויס.
דיין לשון אין מויל פון אַן אַלטן פּאָפּוגיי.
דער בליץ פון דיין אויג וועט באַלד אויך זיין פאַרביי.

און מיט דיר אין הקדש, אַנטקעגן איבער אויף אַ באַנק,
זיצט דער גאָט פון דיינע אבות, פאַרעלטערט און קראַנק.
דער מאַכטיקער, פראַכטיקער, אומעטומיקער גאָט,
איז אויך ווי אַ פאַרשטויסענער בעטלער פאַרשפּאָט.

לעסטער אים נישט, זיי אַ לוי יצחק פאַר אים.
זוך זכותן אויף אַן אָפּגעקומענעם ייד.
אין פאַרשפּינעוועבטן דרימל פון נאַכטיקן כאָר,
חלומען די פאַרבלייבער פון אַ לעצטן דור.

פסוקים

איבער די פּוילנדיקע ביינער פון רשעים
און זייערע קרבנות,
וואַקסן בלומען.
ווי אַזוי קען משיח קומען,
אַז שכר און שטראָף
ווערן פאַרוואָגלט
אין אַ שטענדיקן שלאָף?
ווי טאָר מען און ווי קען מען גאָר
ביזן זיבן און זיבעציקסטן דור פאַרגעבן,
עמעצן וואָס לעשט אוים אַ לעבן?

ס'שטאַרבט דער רוצח,
זאַט מיט יאָרן,
און ווערט אָפּגעמעקט פון זיכרון,
צוזאַמען מיט זיין קרבן,
וואָס איז מיט געוואַלט
אויסגעפּליקט געוואָרן
און האָט אַפילו נישט דערלעבט
צו זיין געשטאָרבן.

די טעמפּע פעלדער
זיינען ליכט-באַמיסטיקט,

מיטן שענסטן זון־אויפגאַנג,
אויב ס׳לעבן איז אומזיסטיק
און אומגערעכט,
אויב ס׳האָט נישט קיין האַפט
אונדזער אויסגעמאָלטער לאַנדשאַפט
פון גוט און פון שלעכט.
אָן מצוות פאַר עבירות
איז שיינקייט בלויז פאַר בהמהשע מעלה־גרהס.

מיר זיינען דאָס פאַרשעמטסטע, געפּלעפּטסטע
פאָלק אויף דער ערד.
נישט מיר לעבן מיטן אַקער
און נישט מיט דער שווערד.
מיט אַ רחמנות וואָס איז טמא,
קלינגען גלעקער און פאַרקלינגען
אונדזער געשריי נאָך נקמה.
מיט פאַרברעכערישער גנאָד
פון פאַרגעבן,
וואַרפן זיי אָן אַ פּחד
אויף אונדזער מאַראַנען־לעבן.

מען וועט ווייטער דערמאָנען
געטע, קאַנט,
ניטשע, פּיכטע.
פילאָזאָפיש־וואָגיק,
וועט זיך ווידער אויספּוצן
די דייטשישקייט פון לאָגיק.
מערדער און קרבנות
וועלן צוזאַמען ווערן
מיסט פאַר געשיכטע.

איז דאָס וואָס איז פאַר אונדזערע אויגן
ערשט געשען,
שוין אויך צום פאַרשטיין?
איז דאָס אויך שוין געפרעגט
און פאַרענטפערט?
אומגליקלעכמאָל — ניין!
זײַנען מיליאָנען פאַרפײַניקטע לעבנס
נישט מער ווי בײַשפּילן,
וואָס וועלן ווערן —.
מוסר השכּלס, פאַר טעותן פאַרריכטע?
קען מען זיי אויך,
מיט גזלנישער פּען פאַרגעבן,
ווי בלעזלעך פון געשיכטע?

אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה
און מען גלייבט אונדז אַלץ נישט,
אַז מיר זײַנען נישטאָ.
מען וויל נישט הערן אונדזער קלאָגן.
אונדזער טויט האָט קיין וואָרצלען נישט געשלאָגן.
דעם נעכטן האָט דער שונא פאַרטיליקט,
דעם מאָרגן האָט ער אונדז פאַרבאָרגן.

מיר זײַנען די היינטיקסטע יידן פון אַלעמאָל,
מיר זײַנען לעבעדיקע און טויטע,
אויסגעחשבונט אין איין צאָל.
קדוש! קדוש! קדוש!
יעדער ייד אַ פלאַקערדיקער דאָרן.
פאַר יעדער ייד וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן.

אָ ן י י ד ן

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
ווייל זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פּנימער געברענט,
פון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט.
און יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זיינען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.

איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן.
דער גאַנצער יידישער פאַרזיי און פאַרפלאַנץ
איז פאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער יידישער חלום און די יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם.
ס'שלאָפן עדות גאַנצע,
עופה'לעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל"ו,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען?
ווער געדענקען?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פאַרבענקטער בריק,
אַוועק פון דיר, כדי צו קומען צוריק?

די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס'פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

מיין וואָגל־ברודער

כ׳האָב ליב מיין טרויעריקן גאָט,
מיין וואָגל־ברודער.
כ׳האָב ליב זיך צוצוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשמועסן פון זיך אַלע רייד.
ווייל אַז מיר זיצן אַזויביידע געפּלעפט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפט
אין שווייגן.

מיין מידער גאָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס
און פאַרציט דעם ערשטן רויך.
ס׳צינדט זיך אַ שטערן, אַ פייערדיק אות.
זיינע גלידער בענקען נאָך שלאָף,
די נאַכט ליגט אונדז צופוסנס ווי אַ שאָף.

מיין טייערער גאָט,
וויפיל תפילות צו אים האָב איך פאַרשוועכט.
וויפיל מאָל האָב איך אים געלעסטערט,
דורך די נעכט,

און געוואָרעמט די שרעקעוודיקע ביינער
ביים פייערטאָפּ פון ווייסן.
און דאָ זיצט ער, מיין חבר, נעמט מיך אַרום,
און טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פון מיין אומגלויבן איז פּרעכטיק,
ווי ליב איז מיר מיין פאַרשלאָפטער גאָט,
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.
ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד,
ווען ס'מינדסטע קינד איז מורד
אין זיין געבאָט.
דורך יבשות און ימען,
זועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען און בלאָנדזשען צוזאַמען.

צו אַ דרעמלענדיקן גאָט טראַכט איך אַזוי פון זיך:
ס'שטרעקט זיך אָפט אין דער וואָרעמסטער היימישקייט —
אַ ווילדע פרעמד.
און נאָך איידער מען באַנעמט דעם סוד דערפון,
דערפילט מען אַז די אייגענע איבריקייט
האָט זיך צעבליט ווי מאָך אויף אַ מצבה.
איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב געבויט?
איז דאָס די גאַס וואָס איר האָב איך אָנפאַרטרויט
יעדער נאַכט פון מיין זכרון?
וויפיל זומערן זיינען מיר דאָ געקומען צו־חלום?
אַהער בין איך געקומען זיך פאַרוואָרצלען און פאַרשטאַמען,
דאָ האָב איך געוואָלט פאַרפלאַנצן שטילקייט
אויף אַן אייגענעם לעבעדיקן בית־עולם
פון טאַטע־מאַמע.
ווייל טויט האָב איך דאָרט געהאַט איבערגענוג.
אַהער בין איך שוין געקומען, אַ יורש פון טויט,
אַן אַנטרונענער.

דו רעדסט פון זיך,
שווייגט מיין וואָגל־ברודער,
און איך טראַכט פון אונדז אַלעמען,
אַזוי צו זאָגן:
וויפיל חורבן דאַרף אַ פאָלק פאַרטראָגן,
אַז ס׳זאָל אין אויפבוי אַלץ נאָך גלייבן.
איצט אַז ס׳וואַלגערט זיך אין שטויבן,
איז דאָס פאָלק געטלעכער פון מיר.
ס׳וועלן נאָך פעלקער קומען זיך בוקן
צו זיין ווייטיק.

אָבער גאָט, מיין ברודער,
צו וואָס האָסטו אַזוי דערהויבן מיין פאָלק
און צעשטערנט זיין אומגליק
איבערן גאַנצן הימל?

ווייטיק, בלוט, געלעכערטע הענט,
רחמנות פון אויסגערונענע אָדערן —
אַ קינדערשער משל מיט נאַרישע רייד.
איך האָב עס געכפּלט אויף זעקס מיליאָן,
איך האָב דעם משל גענעבן באַשייד.
מיין פאָלק, מיין זון, מיין טרוים.
וועט אייביק בליען געקרייציקט אויף אַ ליכטיקן בוים.

מיין גאָט שלאָפט און איך וואַך איבער אים,
מיין מידער ברודער חלומט דעם חלום פון מיין פאָלק.
ער ווערט קליין ווי אַ קינד,
און איך וויג אים איין אין חלום פון מיין פאָלק.
שלאָף, מיין גאָט, מיין וואָגל־ברודער,
שלאָף אַריין אין חלום פון מיין פאָלק.

הייליקער נאָמען

ווען איך וואָלט אַצינדערט געווען אברם, תרחס זון,
וואָלט איך זיך געבוקט צו כלערליי משחיתים
און זיך ניט דערבוקט צו זיין ליבן נאָמען.
כ׳וואָלט געמיינט, אַז די מאַשין־ביקס איז גאָט,
אַז די פליענדיקע פעסטונג איז גאָט,
אַז דער גלאָבאַלער טויט,
דער אומברענגער פון פעלקער גאַנצע,
איז גאָט.

און ביים ראַנד פון אומבאַשיידטן טאָג,
וואָלט איך אַוועקגעפאַלן, אַ צערודערטער יונג,
זיך געבוקט צום מינדסטן גרעזל
און געבעטן:
טייערער, לויטערער, הייליקער נאָמען,
אַנטפּלעק דיין ליבן פּאַרכט צו אברמען.

אָבער איך בין יעקב, יצחקס זון —
ווייס איך, אַז איבער אַלע טויטן
בלויט אַ פאַרוואָלקנטער אמת.
נאָר איך האָב מורא אים צו זוכן
צווישן די קברים פון מיליאָנען.
אַ צעפּלעפּטער וועל איך אַוועק
פון דער וועלט פון תוהו
ווי ס'איז פאַרשניטן געוואָרן דער שטאַם פון מיין פאָלק,
אָן אַ בת־קול, אויף אַ בלוטיקן פאַרוואַס.
זאָלן שוין מיינע קינדס־קינדער
פאַנאַנדערקנוילן דעם פּלאָנטער,
און איך וועל ליגן צווישן מייניקע
אַ נישט־דערקאָנטער.

און וויפל ס'זאָלן זיך נישט רעכטפאַרטיקן די וואָגשאָלן,
וועלן זיך אָקעגן אונדז די הימלען
קיינמאָל נישט אויסצאָלן.
און וויפל וויינענדיקע דורות ס'וועלן איבער אונדז וויאָנען,
וועלן זיי אַלץ הערן אונדזערע טויטע ליפּן מורמלען,
ווייל מיט אונדזערע געשאָכטענע
וועלן מיר כסדר מאָנען:
ליבער, טייערער, הייליקער נאָמען,
מיר האָבן עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.

דער גאָט פון טרויעריקן שבת

איך בין דער שטילער גאָט פון טרויעריקן שבת.
איר — די אומרואיקע געצן אויף דער פולער וואָך.
וואָס לעסטערט איר מיין געדולדיקע האַנט,
אין די פינצטערע טעג פון אייער בראָך?
פון תוהו האָב איך געשאַפן שליים,

געוועקט און געקלאָרט די זומפּ, פריידיק אויסגעוואָרט,
אויפן טויטן וואַסער די ערשטע וועל,
אין מיאַזם אויפגעזונגען פּראָטאָפּלאַזם,
באַלעבט די איינציקע צעל,
און ס'איז מיר געווען באַשערט,
צו זען דעם ערשטן ציטער
פון דעם פּאַראַמעציום.
ביז כ'האָב דערהערט אַ קול
אין דעם גאַנצן מוראדיקן שטום,
זיינען פאַרגאַנגען פיינלעכע טריליאָרן.
כ'האָב דורכגעלויכטן דעם געהיים פון ליים,
זיך דערוואַרט אויף דעם ערשטן,
פאַרשעמטן געוויין פון פאַרשטאַנד.
וואָס לעסטערט איר, וואָס פייניקט איר
מיין געדולדיקע, פאַרדרימלטע האַנט?

די ביימער אין אַלע עדן-גערטנער
האָבן פאַרשפּרייט פאַרפומען, זיך געצערטלט און געבלעטערט.
איך האָב שטיל גערוט. איך האָב זיך נישט פאַרגעטערט.
דער שבת איז מיינער, איך רו.
דער געטשוויטשער פון לעבן איז אייערער.
איך בין דער גאָט פון שטילן לעבן,
ביז צום ערשטן געפלאַטער פון פליגל,
ביז דעם ערשטן געוויין אין וויגל,
ביזן ערשטן צייכן פון פאַרשטאַנד.
ווען מיין טרויעריקע האַנט האָט גערוט,
האָט איר מחלל געווען מיין שבת.
האָט איר שוין פאַרגאָסן בלוט.
איך בין געווען דער האַר פון אור-שטילקייט,
ביז איר האָט זיך אָנגעלענט אין מיר,

מיך געמאַכט אַ שותף צו אייערע געווינען,
דערפאַר האָט איר מיך פאַרגעטערט,
כדי איר זאָלט מיך מיט אייער רשעות פאַרשוועכן,
און מיך ווי אַ ליימענעם אָפּגאָט צעברעכן.

איך בין קיינמאָל נישט געווען אייער גאָט.
איך האָב דעם מענטש געבענטשט.
און אים איבערגעגעבן די ממשלה פון לעבן.
און מיין האַנט, מיין טרויעריקע האַנט,
האָט גערוט.
די ערד איז אינגאַנצן אייערע,
און אַלץ וואָס נאָך מיין שבת איז אייערס.
און וויפיל איר זאָלט מיך נישט בענטשן,
אָדער שעלטן —
מאַכט איר חרוב אייערע אייגענע וועלטן.

די הימלען זיינען מיינע,
די שטילע הימלען, די זילבערנע פּייזאַזשן.
אמת, מיין שבת איז פאַרשוועכט,
אָבער מיין געדולדיקע האַנט רוט.
איך האָב אויפגעהערט צו באַשאַפן.
דאָס זענט איר דאָס לעבן.
איך בין ערב-לעבן. איך בין חלום פון טריליאָרן.
כ׳וויל בלייבן אָפּגעמעקט פון אייער זכרון.
איך בין דער האַר פון זיבן געבענטשטע,
פאַרדרימלטע טעג,
דער פאַרוואָלקנטער גאָט פון טרויעריקן שבת.
איך — די פאַרמענטשטע אָפּגעטער פון קלאָרן פאַרשטאַנד,
וואָס לעסטערט איר מיין געדולדיקע,
מיין פאַרנאַכטיקע האַנט?

אונדזער טאָגנדיקע נאַכט

דאָס איז אונדזער ירושהדיקע נאַכט.
פאַרלעש זי נישט, האַלט זי וואַך.
דער שעכטער שעכט, דער וועכטער באַוואַכט
אונדזער טאָגנדיקע נאַכט.

שוועכער צו שפּינען פון פּחד גלויבן?
קיינער באַפעלט דיר נישט גאָט צו לויבן.
דרימל נישט, שלאָף נישט,
וואַכמייסטער פון אונדזער נאַכט.
מיט ביקס אין האַנט, היין און צוריק,
שפּאַן און שפּאַן, אויף דער נאַכט-טאָג בריק.

אַזוי האָט גאָט געבאָטן.
ווערט פון פינצטערניש די קראָטן.
פלעדערט אַרום מיט בלינדע אויגן.
וואָגלט מיט קראַנקע פליגל,
באַזעצט זיך אויף די נאַכט-געזימסן
ווי די סאָוועס.
נישט געשלאָפן. ווערט פאַרשווידערט אין אַ טויט-קאַטאָוועס.
אימהט מיט לעבן פון די חושכדיקסטע ווינקלען.

שוועכער די נאַכט דורכצוהאָפן?
אָבער אַזוי האָט גאָט באַפוילן:
אפילו ווען אַלע לענדער זאָלן ווערן אונדזער פּוילן,
אַלע הייליקע שריפטן טויטע טייטשן,
אַלע מענטשן אונדזערע דייטשן —
געלעבט, געלעבט און נישט געטראַכט.
שומר, שומר האַלט די פעסטונג פון אונדזער נאַכט.

נ אַ כ ט ל י ד ע ר

1

כ׳וועל אַריינדרייען דעם לאָמפּ
און זיך צושפּאָרן קרישקעס טונקלקייט,
נישט מיט קאַרגשאַפט נאָר מיט חשבון.
מיט אויסרעכענונג וועל איך אויסציען
די נעכט פון מיינע טעג —
מאַכן אַ שטיק שטענדיקייט
פון אַ באַשערטן וועג.
כ׳וועל זיך אונטערגעבן,
אָנבייגן דעם שטאָלץ
און אַריין אין מינדסטן טירל פון מיין לעבן.
ברודער מיינער, זיי מיט מיר,
קליין און דין און שטיל און קוים ווי דו ביסט.
זיי מיט מיר לאַנג.
רייד צו מיר מיטן וואָרט פון געזאַנג
און זאָג:
האָסטו זיך אָפּגעשפּאָרט נאָך אַ טאָג
און נאָך אַ נאַכט.

כ׳וועל זיך קוים דערהאַרן און קוים דערוואַרטן.
אַ סימן איך לעב — איך טראַכט,
וועל איך זיך נאַרן מיט דעקאַרטן.
פון די טומלדיקסטע ערטער
וועלן, ווי שטיינער, פאַלן שעלטנדיקע ווערטער
אין מײַן חדר אַריין.
דו אַזוינער און אַזוינער, אַ רוח אין דײַן.
וואָס האָסטו זיך צוגעהויקערט צו אַ שטיקל שפּינוועב?
כ׳לעב, וועל איך זאָגן צו זיך,
מיט בעטלערישער פרייד.
איר שטאָלצע מאַגנאַטן פון טעג,
וואָס איר ווילט, געזונטערהייט, טראַכט זיך.
נאָך בלינדער אַריינדרייען וועל איך דעם לאָמפּ:
אַ גוטע נאַכט אייך.

2

ס׳שטרעקן זיך צו מיר מיליאָנען טויטע הענט.
זיי אונדז אַ לעבעדיקער מאָנומענט
פון אומגליק.
מיר וואָס זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל,
לאָמיר זיין אין דיר באַגראָבן.
זאָל דיין האַרץ ווערן אונדזער ברידער־קבר,
און דיינע אויגן שפּיגלען פון אונדזערע יסורים.
זאָלן זיי דעם בונד מיט אונדזער טויט פאַרזיגלען.
דער געשריי פון יעדן פאַרפּייניקטן אבר
זאָל דיינע חלומות שרעקן
און פון פּחד־שלאָף דיך וועקן.
קלאָג אַריין אונדזער טויט אין דיינע לעבעדיקע מעת־לעתן.
לעב אונדזער טויט, דערהייב אים איבער אַלע פריידן.

ס׳קענען אונדז נאָך, חלילה, גאַנצע יידישע דורות פאַרגעסן.
ווער דער מעבר־יבוק צווישן לעבעדיקן אייניקל
און פאַרברענטן זיידן.

3

אַז איך וועל שטאַרבן וועט שטאַרבן מיט מיר
אַ באַזונדערע פרייד,
פון אַ באַזונדערער טרויעריקייט.
ס׳איז וואונדערלעך צו זיין אַ גאַנצן מעת־לעת
צווישן מיליאָנען מתים,
אַ האַלב־לעבעדיקער מת.
דאָס האַלבע לעבן אין מיר איז טויט.
לעבעדיק אין מיר איז דער האַלבער טויט.
צווישן מענטשן — אַ גאַנצער בעל־דברן,
געלאַסן, מיט טאַקט און פּאַליטור.
אָבער אין מיין חדר בין איך אַ קברן,
פון אַ בית־עולם אין מיניאַטור.

פרעמדע אויגן זעען נישט,
ווי אין מיין קליינעם חדר עפן איך אַ טיר,
און צווישן קברים הייבט זיך אָן מיין נאַכטיקער שפּאַציר.
(וויפל ערד, משטיינס געזאָגט, דאַרפן רויכן?)
פאַראַן דאָרטן טאָלן און הויכן
און באַהאַלטענע, פאַרדרייטע שטעגן,
וואָס קלעקן אויף אַ גאַנצן נאַכטיקן גאַנג.
אין דער פינצטער לויכטן מיר אַנטקעגן
פה־נטמנס,
מיט אַ יעמערלעך געזאַנג.
ס׳בליען קברים פון דער גאַנצער
פאַרטיליקטער יידישער וועלט,

אין די דלד אמות פון מיין געצעלט.
און איך בעט:
זייט מיר אַ טאַטע, אַ מאַמע,
אַ שוועסטער, אַ ברודער,
קינדער אייגענע, לייבלעכע קרובים,
ווערט וואָר ווי צער,
פון אייגן בלוט און פלייש,
זייט צו מיר געשטאָרבן,
לאָזט מיך משיג זיין און אָנען
דעם חורבן פון מיליאָנען.

פאַרטאָג פאַרמאַך איך די טיר,
צום בית־הקברות פון מיין פאָלק.
איך זיץ ביים טיש און פאַרדרימל זיך
מיטן ברומען פון אַ ניגון.
דער שונא האָט אויף זיי נישט געהאַט קיין שליטה.
טאַטעס, מאַמעס, קינדער פון די וויגן,
האָבן אַרומגערינגלט דעם טויט און אים איינגענומען,
אַלע קליינע קינדער זיינען פאַרוואונדערט
געלאָפן דעם טויט־שרעק אַקעגן,
אָן געוויינען, ווי פאַרוויגטע יידישע מעשהלעך קליינע.
און באַלד האָבן זיי אויפגעפלאַקערט אין פלעמלעך,
ווי קליינע אַדווישעמלעך.

ווער האָט נאָך, ווי איך,
אַזאַ אייגענעם, ביינאַכטיקן,
טויטן גאָרטן?
וועמען איז נאָך דאָרטן אַזוי באַשערט ווי מיר?
אויף וועמען וואַרט אַזוי פיל טויטע ערד ווי אויף מיר?
ווען איך וועל שטאַרבן,

ווער וועט אַרבן מיין קליינעם בית־הקברות,
און דאָס ליכטיקע געשאַנק,
פון אַ נר תמיד'יק יאָרצייט ליכט,
אין אייביקן געצאַנק?

4

וואָס זיינען מיר איצטער,
אַ פאָלק, אַ ראַסע, אַ גלויבן?
טאָמער וועט דיך עמעצער פרעגן,
ווער זיינען די מענטשן,
וואָס גייען דער וועלט אַנטקעגן,
מיט שווייגנדיקע אורנעס,
דורך נאַכטיקע וועגן?
וואָס באַטייטן זייערע פנימער,
פאַרשעמטע, פאַרמעקטע?
דערצייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.

אבלים, יסורים־אַרמייער.
מיר גייען, מיר גייען —
טרויער־מאַקאַבייער.
מיר גייען איבער דער וועלטס בפרהסיא,
מיר פירן אונדזער גרויסע לוויה־פּראָצעסיע.
זיי קומען ריי נאָך ריי.
לוויה איינס, לוויה צוויי, לוויה דריי.

מאַשין־ביקסן האָבן געקלאַפּערט.
קאַלך־אויוונס האָבן געפלאַקערט,
מ'האָט דאָס אַש אויף פעלדער גיך צעאַקערט.

אָבער לוויות ציען זיך געלאַסן.
מיר גייען פּאַמעלעך און פּאַרוואָגלען די גאַסן.
מיר זיינען די געדענקערס,
מיר קומען דערמאָנען,
מיר פירן, מיר פירן מיליאָנען.
צו דער לעצטער לוויה איז נאָך ווייט,
ווי ווייט.
מיר האָבן צייט, מיר האָבן צייט.

זייער גאַנצער טויט מוז אויסגעלעבט ווערן.
דער צעשאָסענער, צעברענטער, פאַרפייניקטער טויט.
דער אייגנסטער, באַרעכטיקטער סוף כל אָדם,
וואָס ס'האָבן אים מבזה געווען די חיות.
מוז אינגאַנצן אויסגעלעבט ווערן,
דורך לוויות, לוויות, לוויות.

מיר האָבן נישט קיין געהיימען ריטואַל.
אַלע אונדזערע סודות זיינען גרוילן אַנטפּלעקטע,
אויב עמעצער וועט פרעגן,
זאָג אים, דערציייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.
מיר מוזן אָפּגעבן כבוד דעם גאַנצן טויט,
ביז דאָס לעבן אַליין וועט ווערן דערהויבן.
מיר גלויבן,
ס'מוז אויסגעיאָמערט ווערן
דער לעצטער געקלאָג,
און דעמאָלט וועט ערשט קומען נאַכט,
און ס'וועט קומען טאָג —
ערשטער טאָג.

די היינטיקע נאַכט

מיט וואָס איז די היינטיקע נאַכט
אַנדערש פון אַלע נעכט?
ווייל היינט איז די נאַכט אינגאַנצן מיינע,
און זי פּאַסט מיר צום לייב,
ווי אַן ענג שלאָף־העמד.
זי איז אַזאַ אינטימע, אייגענע נאַכט,
אַ קליינע, אַ באַזונדערע נאַכט.

אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר
זענען נישט מיינע,
אָבער די היינטיקע נאַכט
האָט מיר אַליין קליינע ביטערקייטן צוגעטוליעט —
באַזונדערע, צוגעטיילטע, באַשערטע.
כ׳האָב דערפילט מיינע אייגענע פאַרמאַכטע אויגן.
כ׳בין געלעגן אין אַן אייגענער נאַכט,
ווי אַ באַרואיקטע שווערד,
אין אַ וואַרעמער שייד.

איבער מיין טרויעריקן דאך

פון א בריוו

ווען מיר האָבן זיך צעקריגט,
זיינען מיר געווען יונג.
איצט, צום איבערבעטן, זיינען מיר אַלט.
יענע צעקריגטע יונגשאַפט
ווען מיר שוין קיינמאָל נישט איבערבעטן.
קומען מיר אויפסניי און גיבן זיך די הענט.
אוודאי האָבן מיר דערקענט
אונדזערע אויסגעכאַוועטע חסרונות,
וואָס מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט פאַרגלעטן.

אייביק האָב איך געבענקט,
נאָך פעטיטע מינוטן, שטילע, אייגענע —
נאָך קליינע לידער.
איצט מוזן מיר ביידע שרייבן גרויס,
אַ קליין פאָלק וואָס איז געשלאָגן
מיט גרויסע צרות,
איז אויך פאַרמשפּט צו שרייבן גרויסע לידער.
נעמען מיר דאָס אָן פאַר ליב.
פאַרפאַלן.
אפילו ווען מיר זאָלן נישט ווערן מער,
ווי די שרעק-סיגנאַלן.

כ׳בין אַלעמאָל אַנטלאָפן
פון דער בייזער יצירה,
וואָס בייטשט די אייגענע ווערטער
און איז נישט חס אויף זייערע טרערן,
ווען זיי ווילן נישט געבוירן ווערן.

מיין גרעסטער לוין איז געווען,
צו נעמען אפילו שאָלעכצער פון ווערטער
און זיי פאַרוואַנדלען
אין ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
נאָר היינט זיינען מיר ביידע צופיל פ אַ ר פ אָ ל ק ט.
פון די קליינע לידער מיינע
וועל איך מוזן מאַכן גניזה,
אויף לעתיד לבוא.
אין אונדזער נאַציאָנאַלער פּאַראַדיזע,
וועט מען אפשר קענען זיצן אויף וויגשטולן
און לייענען,
און נישט מאַכן קיין פּיסקעס פון געוויינען.

נאָר בענקען בענק איך נאָך יענער צייט,
ווען מיר האָבן זיך נישט געשעמט,
און געשטאַנען, אויסגעזונגען ביזן לעצטן העמד,
אינמיטן מאַרק.
אמת, מ׳האָט געשאָקלט מיט די קעפּ
און אונדז נישט פאַרשטאַנען.
היינט דאַוונט מען אונדז שוין באַלד
אין איינציקן, חרובן יידיש-שטיבל אונדזערם.
נאָר וואָס קומט אַרוים — מיר אַליין פאַרוויאַנען,
מיר זיינען קלאָר, ווי ס׳שטייט געשריבן אין אַן אַלטן טאָוול,
אַז די צרה מיטן טורעם פון בבל
איז געווען וואָס מען האָט זיך גראָד,
פון גרוים צעטומלעניש,
גענומען פאַרשטיין.
און אַלץ איז געוואָרן גרויזאַם-קלאָר.
און מ׳האָט זיך אויף דער וואָר
גענומעז באַווארפן מיט ציגל,

ווייל אַלע האָבן זיך דערזען פֿאַרטײַטשט,
אין איין אַדאַנגיִשן שפּיגל.

איצט ברעכן מיר ווערטער רוק און לענד,
כּל זמן זיי זיינען ווידערשפעניק.
מיר שלאָגן זיי מכּות רצח,
ביז זיי ווערן אונטערטעניק,
ביז זיי גראַמען זיך קנאָך מיט קנאָך.
ביז זיי מוזן נעמען לייכטן,
מיט אַ באַהאַלטענעם תּוך.
און די ווידערשפעניקע ווערטער
האָבן דאָך פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל רעבעלישע פֿרייד.
אַפילו ווען זיי זיינען געווען אָן באַשייד,
אָן מיין, אָן גלויבן.
אַקעגן אונדזער פֿאַרעלטערטער אמונה,
זיינען זיי געווען סאַמע טירטל־טויבן.

כ׳האָב אַנומעלטן געלייענט,
ווי אַ מבֿין געראַטעוועטע ייִדן,
האָבן געהאַפּקעט אַ גאַנצע נאַכט,
און געגעבן לויב צום האַר פֿון די וועלטן,
וואָס ער האָט זיי נישט אומגעבראַכט.
אַלע ביינער האָבן לויבנדיק געטאַנצט
און זיין ליבן נאָמען פֿרום באַקראַנצט.
איז לאָמיר אויך זיך געבן
אַ קניפּ אין דעם באַהאַלטנסטן שטיק לעבן,
אַז די פֿאַרב זאָל שטיין.
און לאָמיר אויך לויבן און האָפּקען,
האָפּקען און לויבן,
און, לית ברירה, גלויבן.

י. ל. פרץ

כ׳וויים נישט ווי מען רעדט צו אַ טויטן שרייבער,
שרייב איך צו דיין לעבעדיקן מאָנומענט.
אפילו ווען מיר זאָלן זיין יורשים-איבערטרייבער,
האָבן מיר דיך אויפגעבויט,
מיט דער פרייד פון אונדזערע הענט.

ביסט גרעסער נאָך ווי דו ביסט געווען,
ביסט הייליקער פון שרייבעריי.
מיר האָבן אונדזער געזאַנג אין דיר אַריינגעלייגט,
דורך די טויטע יאָרן וואָס זיינען פאַרביי.

די וועלט איז נישט אונדזערס.
אויף די זאַמדן קריצן זיך נישט איין אונדזערע טריט.
אָבער אָן דיר וואָלטן מיר געווען נאָך וויניקער,
מיר וואָלטן געווען צעטיילטער, נישט אייניקער,
ווען וואָלסט אונדז נישט געשאָנקען פון יידיש דאָס געמיט.

יידיש לעבן, האָסטו געלערנט,
איז מאָרגנדיק אין יעדער היינט.
אונדזער מתנגדישקייט האָסטו פאַרחסידישט,
אונדזער דראַנג צום דרויסן — פאַריידישט,
אונדזער האַפט פאַריום-טובט און באַשיינט.
מיט יונגשאַפט האָסטו באַחנט
דעם פאַרבייזטן ספר.
מיט דיין שעפערישן אַ סך,
פון אַ פּולער האַנט,
האָסט געגעבן אילוזיע פון לאַנד
צו רוחניות פון שפּראַך.

ביי זיך אַליין האָסטו כסדר געבאָרגט פייער,
פון ליד צום מעשהלע,
פון מעשהלע צום שפּיל,
פון שפּיל צו נעאָ-יידישן סטיל,
צום מאַיעסטעטישן שטעל,
צום וועגווייזערישן באַפעל,
צום ווייטסטן נישט-הי,
צום העכערדיקן פלי.

ס'האָט דיר געפּאַסט די פּעלערינע,
ווען ביסט געקומען מיט קינסטלערישער מינע,
און מיט לעבעדיקן ווילן
איינצושטילן די מתים אין פּאָליש און אויפן אַלטן מאַרק.
ליב איז אונדז די לאַסט פון דיין גרויסקייט,
דיין דענקמאָל אויף אונדזער קאַרק.

מאָצאַרט

ס׳האָט זיך מיר געחלומט,
גויים האָבן מאָצאַרטן געקרייציקט
און אים באַגראָבן אין אַן אייזל־קבר.
נאָר יידן האָבן אים געמאַכט פאַר גאָטס מענטש
און זיין געדעכעניש געבענטשט.

זיין אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער וועלט געלאָפן
און באַקערט יעדן איינעם וואָס כ׳האָב געטראָפן.
אומעטום וואו כ׳האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך אים געשמדט אויף אַ מאָצאַרטיסט.

ווי וואונדערלעך איז פון געטלעכן מענטש
זיין מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
ווי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זיינען זיינע ליכטיקע הענט.
אין זיין גרעסטער נויט,
האָבן ביים געקרייציגטן זינגער
געלאַכט אַלע פינגער.
אין זיין וויינענדיקסטן טרויער,
האָט ער נאָך מער ווי זיך אַליין
ליב געהאַט דעם שכנס אויער.

ווי אָרעם און ווי קאַרג,
אַנטקעגן מאָצאַרטס פאַרבלייב,
איז די דרשה אויפן באַרג.

שאָפּען־נאָקטורן

1

וועסט קומען מיט קליינע רייד
און שלעפעריקע אויגן,
וועסט מיר ברענגען פולע אוצרות נאַכט.
זע, וויפיל שעמעוודיקע פרייד פאַר דיינע פינגער
האָב איך מיטגעבראַכט.
אַזוי וועסטו זאָגן
צו דיין שווייגנדיקן באַזינגער,
וואָס וואַרט אויף דיר אילע נאַכט.,

צערטלען וועל איך
די געוואַגטקייט פון דיינע באָרוויסע פיסלעך,
ווען וועסט אַנטלויפן פון טאַטנס הויז,
כ׳וועל דיר לייענען אַלע שענסטע גריסלעך,
וואָס כ׳האָב דיר קיינמאָל נישט געשיקט.
איין־אָטעם ביסטו געלאָפן איבער אַ שוואַרצער בריק,
כ׳וועל דיך שוין קיינמאָל נישט לאָזן גיין צוריק.

אינדערפרי וועלן ערשטע טאָגלעך
וואַרעמען די קאַלטע שויב,
צוגעדעקט מיט אַ שטילן טונקל
וועט עפענען די אויגן אַ דערשראָקענע טויב.
און איך וועל קוים זיין לעבן דיר,
אַזוי קוים אַז דו וועסט זוכן מיין קול,
און איך וועל זיך דיר איינדאַכטן
ווי א מעשהלע פון אַמאָל.
און איך וועל זיך דיר איינדרימלען
ווי אין פאַרנאַכטן אַ שווייגנדיקער בוים.

ווי אַ ציטער פֿון אַ צווייג.
קוים,
ווי אַ שלאָפֿנדיקער בוים.

2

אין די פֿאַרנאַכטן קומען אונדזערע לעבנס אַנטקעגן
און זיצן אין שאָטן.
מיר שווייגן. ס׳איז אונדז ריידן פֿאַרבאָטן.
דיין קלוג טראַכטן איז דער ווייסער וויין
פֿון מיין זיין.
כ׳זופּ דעם קילן געטראַנק
און שרייב אָפּ דיין יעדער געדאַנק.

אַ וואונדערלעך, וואונדערלעך.
ווי ס׳פֿאָרן זיך אונדזערע טעג
און ווערן נעכט.
פֿונוויטן זינגט אַ שטילער ברעג,
אָבער מיר גלויבן קיינמאָל נישט יענעם וועג.
אַ וואונדער, נאַכטיקער וואונדער,
מיר עלטערן זיך באַזונדער,
יאָר איין יאָר אויס,
און צוזאַמען ווערן מיר יונגע פֿרייד.
ווי וואויל דו טראַכטסט מיך
אויף די כוואַליעס פֿון דיינע שטומע רייד.
איז וואָס אַז איך בין נישטאָ?
אַז דו ביסט נישטאָ?
די נאַכט אַליין איז דאָ.
און אין איר זיינען מיר
פֿאַרפּלאָנטעט ווי איין שאָטן פֿון אַ בוים.
קוים, קוים.

3

שטאַרב. זיי טויט. זיי שטענדיק
און אייביק נישט.
זיי נישט אַלעמאָל. אַלעמאָל זיי נישט.
בלייב פאַרווישט.
זיי טויט.
נאָר פלאָנטער זיך
ווי פון חלום אַ צויט.

אילע טאָג וועסטו פאַרגיין אין מיר,
אַ פאַרוואָלקנטער פאַרגאַנג,
און טויטערהייט וועסטו גרינגען
ווי בלעטלעך פון געזאַנג.

וואָס ביסטו געשטאָרבן, אַ מיידל אָדער אַ קינד?
כ'וויג דיין ליידיקע וויג,
כ'פאַרבעט דיין ליידיק בעט.
ווען ביסטו געשטאָרבן,
אַמאָל אָדער אַצינד?
ס'זוכן אילע נאַכט דעם ענטפער,
די פינגער פון פאָעט.

אָ, טאַטואיר מיך מיט דיין טויט-געשטאַלט.
יונג אַריין אין מיר, ווער אין מיר אַלט.
ווער אויס אין מיר, ווער אין מיר איין.
און איך וועל קוים מיט דיר זיין.
קוים, קוים.

אַ בליץ האָט געטראָפן אונדזער אויסגעטראַכטן בוים.

ווײַן פון לידער־ביכער וואָס כ'האָב געזופּט מיט יאָרן צוריק

בוך איינס

גרינער אומעט פאָרט אין טרויעריקע קאָליאַסן.
לאַמטערנעס ווי פויערישע אָפּגעטער קאָפּטשען אויף די גאַסן.
אַ ווײַנענדיקער בעטלער גייט אַהיים זיך לויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

אָ נאַכט, אַ געל־רויט לעבן.
מיט אַ ווערך האָסטו מיר אַלץ אַריבערגעגעבן.
דורך אַ פענצטער שטומען פאַרחלשטע רויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

אָ דינסטמויד מיט נאָזלעכער פאַרפומירטע,
מיט דײַנע רויטע הענט פון אַרבעט אויסגעשמירטע,
צאַם אין מיר דאָס ייִנגלשע ברויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

דער זיידע גרעבצט נאָכן עסן.
בענטשן, קריאת־שמע לייענען האָט ער לאַנג פאַרגעסן,
פון זײַן פראָסטער ליולקע נעמט אַ קלוגער רויך זיך קרויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

נאַכטיק טענהט דער שמעטניק מיט האַרצרײַסנדיקע געררוכן,
די באָבע פאַרראָשטשינעט אַ טרויעריקן ראָזשינקע־קוכן.
פאַרוואָלקנטע ווײַזהייט נעמט זיך שיילן און אַנטבלויזן.
דער דיכטער שפּאַצירט אין סאַמעטענע הויזן.

די גרויזאַמע געבורטן זײַנען אַלע אַבאָרטן.
ס'גאַנצע קרוכלע לעבן איז אַ שפּיל אין קאָרטן.
ס'זײַנען געווינסן און פאַרלוסטן שאַלאַמויזן.
דער דיכטער שפּאַנט אין סאַמעטענע הויזן.

בוך צוויי

גאָט האָט אים געגעבן שאָף מיט רינדער,
און, איינס ביי איינס, סאַמע געראָטענע קינדער.
ברייטע הויזן מיט אַ געקעסטלטן זשילעט
און פון ריינעם מירמלשטיין אַ באַקוועמען פריוועט.
און צו דעם נאָך, מיט אַ פולער האַנט,
האָט ער אים פריטשמעלעט מיט אַ גאַנצן פוד טאַלאַנט.
נעמט ער אַ לולב מיט אַן אתרוג און שאָקלט אַ לויב צו גאָט,
ווייל ער האָט און ער האָט און ער האָט.

ס'וואַקסן געגראַמטע פּאַלמעס אַרום זיין רייכן מויער.
דער פּאָעט זייפט זיך איין די מאָרדע
מיט אַ זעלבסט-צופרידענעם טרויער.
ס'קומען פרומע קריטיקער צו אים גוט-שבת ביטן און גלעטן
זיינע וואויל-געכאָוועטע וואולגאַריטעטן.
זיינע קי זיינע יידישע,
זיינע הענער זיינען מעביר די סדרה.
מיט אַן אָפּגעשלאָגענער הושענה קיצלט ער זיך דעם חוט השדרה.
אַ לויב און אַ דאַנק דעם גוטן גאָט,
קאַנעהאָרע — ער האָט און ער האָט און ער האָט.

ער גייט איבער דער וועלט אַ מוראדיקער אָגער.
ס'קלינגען די קעשענעס ביים אָנגעשטאָפּטן פּאַרמאַגער.
ער ווערט גרעבער און ברייטער, ברייטער און גראָבער,
ווען מיט ממזרישע גראַמען,
באַוויינט ער אַ נישטהאָבער,
און בשעת מעשה ווינקט ער זיך דורך מיט גאָט,
ווייל ער האָט און ער האָט און ער האָט.

בוך דריי

דאָס יינגל אין אים האָט אַלץ געוואָלט
ס׳טעלערל פון הימל,
אָבער אים אַליין האָט שוין פאַרבייכלט
אַ גענוגשאַפט גענוגשאַפט.
זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן
מיט אַ געזייערטער קלוגשאַפט —
נישט אַזוי פון ביכל ווי פון פלעשל.
פינגער געפלינקט פון קאָרטן טעשל,
האָבן זוכנדיק געבעטן צוטרוי.
נאָר צו אַן איבערגעברענטער שטרוי,
גיי זיי צוטרויאיק.
גיי כאַפּ אַ טאַנץ,
מיט דער גנבישער עלעגאַנץ.
קאָנאָסור פון די שענסטע קראַוואַטן,
דערהערער פון די שטילסטע אַקאָרדן,
מבין אויף די סובטילסטע אַראָמאַטן,
(— אויף קעז און בעז און בעז און קעז —)
פאַרערער פון דעטעקטיוו-געלייזטע מאָרדן.
ער האָט געזונגען:
נעם אויף דער דלאָניע ס׳גאַנצע לעבן דיינס
און פאַרלאַך עס.
ער האָט דערזען דעם טויט,
ווען ס׳טרויעריקע לעבן זיינס,
האָט קוים אָפּגעדאַוונט שחרית.

בוך פיר

גילדענער נאַר,
מאַך דיין שטילן אינווענטאַר.
אַזויפיל דערגרייכט און אַזויפיל און אַזויפיל געוואָלט,
אַ סך אָנגעזועצט און אַביסל באַצאָלט.

שלעפעריקע קאַראַוואַנען ציען,
נעכט ווי עפּלביימער בליען,
דער פלינקער רייטער קומט מיך וועקן,
אַ שאָד, נעכט ווי עפּלביימער שמעקן.

טרויער־געפּאַרבטער שאָטן אויף מיין סטעליע,
ס׳שפּילט די גאַנצע גריל־קאַפּעליע.
ווי אַ ליאַדע דראָסל זינגט מיין גאָרטן.
ס׳איז זים די לופט מיט מאַנדל־טאָרטן.
ס׳פאַרלעשן זיך זיבן קאַנדעלאַברעס — זיבן שרעקן,
דער פלינקער רייטער קומט מיך וועקן.

אויף אַ זילבער־פייפל שפּילט אַ פאַרלבנהטער בוים,
צו אַ ווייטן שטערן.
(ווער וועט זיין געשפּיל דערהערן?
יאָר איין יאָר אוים, מיין אייגן לעבן,
האָב איך בלעטערווייז דיר אָפּגעגעבן.

אָ, גאָט פון שיינעם געניץ,
כ׳בין פון בענקשאַפט קראַנק.
איידער כ׳ווער איינגעזאַמלט צו מיינע אבות,
גיב מיר אַ פעניץ פון אַ געדאַנק,
און נישט דעם פייפלדיקן ציטער,
אָדער דעם ציטערדיקן פייף.
אַ האַר מיינער און געביטער,
כ׳בין שוין פאַר געדאַנקען רייף.

לייענענדיק דעם „אחיספר”

1

ווילד איז מיר און וואַלד איז מיר.
ס'איז שוין אוים באַלד מיט מיר.
אין ווילדן וואַלד אַליין.
טיגריסן און לעמפּערטן,
פּיפּלאָקסן און וויזלטירס,

וואָלקולאַקן און שרעטעלעך.
אויף דער צונג בלעטערלעך.
אין יעדער אויג אַ שרעקעניש,
אין יעדער מויל אַ מעקעניש.

באַבעשי, געטרייע, מיטן קרבן מנחה,
שיק פאַראויס אַ פייער־זייל,
לאָמיך זען, וואו בין איך, הע?
און דו, מומע בינע, מיט דער צענערענע,
גיב מיר כוח דעם חושך־וועג צו דערקענען.
און מיטן טייטש־חומש, וואו איז ערגעץ
מיין מאַמעשי פאַראַנען?
זאָל זי מיר אָפּשפּרעכן אַ גוטאויג
און מיך ארויספירן פונדאַנען.

2

זיבעצן פאַסטעכער פון פי און פון שאָף,
וויגן זיך און הוידן זיך
אין אַ נאָכמיטאָג־שלאָף.

שלום, זאָגט אַ פאַסטעכל
און עפנט אויף אַן אייגל.
שלום, אָדם־מענטשנקינד,
צפור — בלייענער פויגל.
מאין, זאָגט ער, באת
און לאָן טוסטו לויפן?
וואָס ווילסטו דאָ מסחרן
און וואָס האָסטו צו פאַרקויפן?

מיר זיינען דאָס די הערטן,
אָדער, ווי רופט מען זיי, די הירטן,
מיר לעבן אָפּ אַ גאַנצע וואָך
אויף הערינג מאַרינירטן.

נאָר אַז ס׳קומט דער שבת קודש,
שעכטן מיר אַן אינדיק.
און יעדער אויף זיין שטייגערל
גיט אַ הוליע און אַ זינדיק.

און יעדער, אויף זיין שטייגערל
טוט אַ הוליע און אַ זינדיק.

שאַ, וועק נישט אויף די חבריאַ,
זיי ריידן רק העברעאיש,
און טאָמער הערן זיי אַ יידיש וואָרט,
ווערן זיי גלייך נערוועאיש.
שומר מה מלילה, שומר מה מליל,
צי נישט די עצמות,
גיב שוין אַ דערצייל.

טרייבער נישט די אָדערן,
זאָג שוין ווער דו ביסט,
יהודי אתה, אָדער אפשר גאָר אַ קריסט?

כ׳בין אַ יידישער שרייבער,
דער סאַמע, סאַמע לעצטער.
כ׳קום אַצינדערט צו אייך,
אינגאַנצן אַן איבערגעזעצטער.

3

זיכאָנטווזי, ליבסטי.
די זון שיינטזי.
נאַנטלויפּה לווייטענים,
אין אַ לאַנד נישט־הי.

פּיסאַיך קליינטשיקוים.
שוועבסטזי אין דיין גאַנג.
די זון איז נאָענטזי
כאָטש נעם זי און דערלאַנג.

4

זיצט אַן אַלטער פּאַסטעך,
שוויצט איבער אַן אַקראָסטיך
און רוקט אויף ביידע באַקען.

מיין ליבער, וואוילער יודע,
וואָס האַקסטו אַזוי די סעודה?

— גערן וואָלט איך דיר געענטפערט זרגונית,
נאָר כ׳בין נעבעך געניזוקט אויפן לשון —
כ׳קאָן ניט.
ס׳אַ מעשה שהיה.
יונגערהייט האָב איך חתונה געהאַט מיט אַ גויע,
אַ טעכטערל פון אַ לבן הארמי.
ס׳מעג אַ רוח אין איר געפייגערטער מאַמע,
מיינע נאמנות.
און היות ס׳איז מאָרגן אַ תענית,
און מ׳איז דאָך עפּעס אַ יידישער פּאַסטעך —
פאַרפאַסט איך.

און ווער האָט אַזוי יונג פֿאַרקנסט דיך,
אדוני פֿאַסטעך?

ס'אַ מיאוסע מעשה.
ס'איז געווען צעקה הנערה.
אירע אחים האָבן מיר געוואָלט
ברעכן רוק און לענד,
און מיר מאַכן אַ שיינע טהרה.
די אַלטע, אַלטע מעשה,
אַ שיקסע און דער יצר־הרע,
נאָר וואָס איז שייך באַלאַקן.
מיר האָבן שוין פֿינף בנים,
קיין עין־הרע.
איצטערט איז זי שוין נישט קיין שיקסע
רק אַן אַלטע גויע,
און איר שיינקייט איז אַ מעשה שהיה.

אַצינדערט ברויך מען האָבן צו איר
אַ דעמבענעם יצר־הרע.
בין איך אויף געהאַקטענע צרות,
ווייל כ'בין אַ יידעלע קאַטאָרע.

ס'מאַכט זיך, ס'פֿאַרלויפֿט זיך,
ס'טוט אַמאָל פּאַסירן,
ס'קומט אַמאָל פֿאָר,
ס'געשעט אַמאָל, ס'טרעפֿט זיך,
ס'פֿאַרדרייען זיך די געהירן,
מ'פֿאָלגט נישט טאַטע־מאַמע,
און נישט מיט זיינס גאָל,
נעמט מען אַ ליבעניו פֿירן.

אונטער דעם־אָ בוים.
פלעג איך גאַנצענע טעג זיצן
און מיט מיין פּאַסטעך־שטאָק,
דעם זאַמד צעצוקריצן —
זי האָסט דיך, זי ליבט דיך.
זי ליבט דיך, זי האָסט דיך.
דו אַלטער גלאָמפּ, דו נאַרישער פּאַסטעך,

די היץ איז געשטיגען.
זיבעצן פּאַסטעכער,
אַרום די קעפּ נאַסטיכער,
יאָגן פון זיך די פליגן.

דאָס זשוואַווע פּאַסטעכל,
פאַרענדיקט אַזוי די מעשה:
היינט נאָך חצות,
אויב ס׳וועטער וועט נישט שטערן,
ווע׳מיר צו קבורה פירן יידיש,
ביים שיין פון אַ לאַמטערן.

ס׳איז סך־הכל, אַרונטער פון מארק,
נפטר, הלך לעולמו,
ס׳איז די אונטערשטע שורה —
היינט ביינאַכט פירן מיר, מערצישעם,
יידיש צו קבורה.

און דו, פּאָלג מיך, לעמאַנעשעם,
מעגסט אויך שוין האָבן
זרגונית אין ויאמר.
גיב אַ זעץ דעם גלאַטשטיין איבער —
אויף יעקב כדרלעומר.

.5

ווערטער, פייערפליגן,
ליכטיקן אויף אין לעצטן טונקל.

אויפגעבליצט, פאַרלאָשן —
פאַרעקשנטע ליכט־פינטעלעך
פון אַ פינצטער לעבן.

פאַראַן ווערטער קוים־געאָנטע,
ערשט דערמאָנטע פון פאַרגעסעניש.
שעמעוודיקע, האַלב־באַטאָנטע,
ווערן זיי דיר זינגענדיקע, נאָענטע —

פאַראַן ווערטער קוים־דערקאָנטע.

זיידענע פלאַטערלעך
פון אַ פאַרטונקלט לערעניש,
ערשט־וואָס אויפגעוואַכט
פון אַ פאַרחלומט ווערעניש.

אַ פייערפליג צינדט אָן
אַ לעצט וואָרט.
אַלץ ווערט אוים: איך, מיין ערד,
מיין הימל, מיין אָרעם אָרט.

6

כ׳בין אַריבער אַ קליין טייכל זינגענדיק.
אַ געטרייע האַנט האָט מיך אַריבערגעפירט.
כ׳האָב שפּאַצירט אויף זאַטן גראָז,
און שפּרינגענדיק ווי אַ קינד,
געפּילט אַ זיסקייט אין דער נאָז.

דאָ בין איך אונטער אַן אייביקן הימל,
און אַלץ וואָס איז געווען אין מיר פאַרגענגלעך,
איז געוואָרן באַשטענדיק,
און אַלץ, וואָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך,
איז געוואָרן פאַרשטענדיק.

געמיינט האָב איך, כ׳האָב אָפּגעבליט,
כ׳בין לעצט.
אַ געטרייע האַנט האָט מיך איבערגעזעצט.

כ׳גיי אויפן פייכטן גראָז און שמייכל,
ס׳איז האַלב-נאַכט, כ׳בין אַליין, אָן שרעק.
כ׳האָב אַרונטערגעוואָרפן פון מיר
גאַנצע פּעק מיט עולן,
כ׳קלעטער צווישן בערג און טאָלן,
מיין נשמה זינגט אין מיר פון פרייד.

מיטאַמאָל הער איך אַ שווידערלעכן רוף:
זינגער, ס׳איז דיר לייכט דיין וועג,
ווייל ביסט אייביק און טויט —
האָסט פאַרלוירן דיין גוף.

דער וועלט־בויך

אין יאָר נײַנצנהונדערט פֿערציק זעקס,
האָט מען געשניטן דעם צושטעל פֿון געבעקס,
און דער יקרות איז באַפֿאַלן
רינדפֿלייש, פּוטער, אייער, עופֿות.
דער וועלט־בויך האָט געפּילדערט:
קויף עס.
דער וועלט־בויך האָט געליאַרעמט,
ווייל ער האָט נעבעך פֿאַרלוירן אַ לויט.
וויינען האָט געוויינט דער געזעטיקטער טויט,
דער איבערגעגעסענער טויט.

באַמיצלטע שוחטים, קיילערס און קצבים
זינגען אַריעס אין די יאַטקעס,
וועגן גליק פֿון בלוטיקן ביפֿשטיק,
און וועגן פֿרייד פֿון זייטלעך פֿלייש.
אין הויז וואַרטן די פֿייערפֿאַנען.
מחנות עלעגאַנטע ווייבער
גייען אויף יאַגד פֿאַר זייערע פֿאַרהאָרעוועטע מאַנען,
מיט די געפֿאַרבטע נעגל
ווי קליינע רויטע שפּיץ־גאָפּלען.
מען באַלאַגערט די שפּייז־געוועלבן.
די פּרייזן דערשרעקן זיך און נעמען זיך טאַפּלען.
ס'וואַקסט די פּאַניק אַרום פּוטער־פֿעסלעך,
ס'טאַנצט דאָס היטל־צוקער,
ס'גייען זוייערע אוגערקעס אַ קאַדריל,
ס'זינגען מיט שיכורן געפֿיל
זויף־געטראַנקען.
דער וועלט־בויך הייבט זיך עלעגיש

און טראַכט די מעלאַנכאָלישסטע פּרעס־געדאַנקען.
ס׳ליגן דערשראָקן אין איינגעקויפטן בייטל
אַ רויט רעטעכל, אַ ציבלקע, אַ הייפּטל קרויט.
וויינען וויינט דער געזעטיקטער טויט.
דער איבערגעגעסענער טויט.

מ׳פּראַוועט יאָרצייט־אָרגיעס,
איבער מיליאָנען קברים.
מ׳האַלט דרשות, ס׳ווערן כלומרשט
אויגן מיט טרערן פאַרהויכט,
אָבער אַלע קעפּ, אַלע מיילער זיינען פאַרבויכט.
די געדעקטע טישן באַשיינען
געשמאַקע לאַבנס פּאָמפּערניקל.
נאַזלעכער שנאַפּן, אַפּעטיטן גיבן זיך אַ צעוויקל,
מ׳שעכט טוצן הערינג.
די ווייבער רייסן די צירונג,
מען בוקט זיך צום פליישיקן קאַלב.
ס׳טאַנצן שטאָלצע טעלער מיט געבראָטענע הינער,
מיט די צוגעברוינטע טשאָלנט־קאַרטאָפליעס.
די פּופּיקלעך, די לעבערקעס,
מאַכן חנעוודיקע קניקסן.
מ׳עסט קריכנדיקס, אַלערליי פלאַנצן און געוויקסן.
ס׳ווערט איבערגעלאָדן מיט זעט
און שיר צעפּלאַצט דער הילף־באַנקעט.
ס׳זינגען זינגערס, אָרקעסטערס שפּילן.
די צרות נעבעך בראַזגען אויף אויטאָמאָבילן.
ס׳יאָגן באַנען, ס׳הוזשען עראָפּלאַנען.
ס׳חלומען בעטן.
און ערגעץ אין גרויסע קאַבינעטן
קנייטשען די שטערנס

עקאָנאָמישע ראַטן.
ס'ביילן זיך סקעלעטישע פּויסטן —
ס'ציטערט די הויט אויפן זאַטן.
מיר זיינען ערשט־אָ אָפּגעווישט געוואָרן.
ערשט־אָ.
מיר ווילן נישט אויסכאַפּן אייערע זעמל,
אייערע קאַשע־וואַרניטשקעס,
אייערע גראַשיצעס, קוגלען־טאַצן.
געזיכערט זיינען אייערע ברעטער מיט סמאַליענדיקע קאַרנאַצן.
מיר ווילן אייערע ווייגען ניט זויפן.
מיר ווילן אייער שפּאָנדרע נישט אויסקויפן.
מאַך אַ קליינע פּויזע,
אַ פּויזע פון שטילקייט,
מיאוסער, תמעוואַטער וועלט־בויך.
מיר זיינען דאָך אַזוי מיליאָנענווייז נישטאָ,
אַזוי שווידערלעך נישטאָ.

ס'מאַרשירן די קיילערס פון סדום,
מיט די פאַרבלוטיקטע פאַרטעכער.
געוואַלד, אַזויפיל שוימענדיקע ביר־פעסער,
אַזויפיל פאַרשייטע גאָפּל־מעסער,
אַזויפיל פילדערנדיק געשיר,
אַזויפיל ווייַן, טאַנץ, ליכט, קאָליר.
אַזויפיל בורלעסקישע עס־פּראָבלעמען —
די טויטע צו פאַרשעמען.
ערשט־אָ זיינען מיר פאַרטיליקט געוואָרן.
ערשט־אָ.
גרויסע מיניסטאָרן־קעפּ, גיט אַ באַפעל,
זאָל מען כאַטש אויף אַ שעה בלויז
אָפּשטעלן די בויך־קאַרוזעל.

כ׳דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאָבוויי

כ׳לייען אַ יידיש בלאַט אין אַ ניו יאָרקער סאָבוויי.
דאָס דאַוון איך שחרית,
דעם בייזן גוי להכעיס,
וואָס ברענט מיינע יידישע אותיות,
מיט זיינע ביסטרע אויגן.
אָ גאָט, האָב רחמנות,
אויף די דערשראָקענע יידישע אותיות,
באַשיץ זיי,
פון דער סאָבוויי-אינקוויזיציע.

כ׳דאַוון די יידישע נייעס,
כ׳קלאָג זיי,
און מיין שכן נעמט אַרונטער דעם האָניק
פון דער כראָניק.
ער לייענט לאָקאַלע פּאָליטיק, ספּאָרט,
ער גריזשעט אַרום די ציימונג,
ווי אַ געניטע קו,
און דאָס איבעריקע, זאָגט ער —
איז פאַר דיר, לייען דו.
ער שטופּט מיר זיין ציימונג אין פּנים.
בי איי מען, ריעד אַמעריקען.

פון מיין שכן שמעקט מיט בראָנפן,
אויפן ניכטערן מאָגן.
ניין, ער וועט מיך נישט שלאָגן,
פאַרזיכערט ער מיר מיט גרויזאַמער גוטסקייט,
ער איז טאָלעראַנט.
אָבער, פאַרוואָס זאָל אַזוינער ווי איך
נישט לייענען די שפּראַך פון לאַנד?

כ׳לייען נישט, ליבער גוי,
דאָס דאַוון איך אַזוי.
כ׳זאָג תפילות, קינות.
אינמיטן דעם טומל, דעם סאָבוויי־האַרמידער,
דאַוון איך פון מיין טעגלעכן סידור.
גערן וואָלט איך זיך געביטן מיט דיר,
מ׳שטיינס געזאָגט, מיט דעם פאַרגעניגן.
אין דעם מאָרגנדיקן געדרענג
און גופים־געשמעלץ,
מוז איך זיך קוויקן און פאַרוויגן
מיט די ניים פון קעלץ.
די יידישע נייעסן זיינען מיין טעגלעכער ריטואַל.
זיי זיינען אַ טייל פון מיין אמונה.
וועסט דאָך מיך חלילה נישט באַרויבן,
פון פרייהייט פון גלויבן.
געדענק, די סטאַטוע.
קומט צו מיר, איר אַלע.
פלאַמיקע ווערטער, מיט דער קראַפט פון נבואה.
אַ האַנט־שטרעק צו די פאַרוואָגלטע און מידע,
אַ פייערדיקער גרוס —

פון דער יידישקע, עמאַ לאַזאַרוס,
פאַלט ער מיר אַריין אין די רייד.

אָ, ער ווייסט, ער איז נישט גלאַט אַזוי אַ שיכור,
דער עיקר, מיינט ער צו זאָגן,
אַז מיר זיינען אַ פרעמדער עלעמענט,
וויפל מיר זאָלן זיך נישט איבערקאָכן,
מען דערשמעקט, מען דערקענט.
מען דערקענט און מען דערשמעקט,
באַטראָפּט ער און באַלעקט דאָס וואָרט.
ער צעלאַכט זיך און ס'צעפּרישטשעטע פּנים
ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ הויך-דרוקיקן רויט.

דו ווייסט, זאָג איך אים אַזוי,
מיין הויך-געשעצטער אינטערנאַציאָנאַלער גוי.
(געווען אַמאָל אַ לעגענדע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן ייד,
האָט מען די בייקע אויף אַש פאַרברענט.)
דיין גויעשער פּאַספּאָרט
איז גילטיק אין יעדער אָרט, אין יעדער לאַנד,
קענסט אויספאָרן די וועלט, מיט דיינע הענט.
קענסט געהערן צו אַ לינקער.
צו אַ רעכטער אָרגאַניזאַציע,
און קיינער וועט דיך נישט באַשולדיקן.
נישט אין שוואַרצן מאַרק,
נישט אין אינפלאַציע.
אָבער מיט אַלע מיינע פּאַספּאָרטן,
בין איך אַ שטאַטנלאָזער.
כ'זיץ און ציטער,
פאַר יעדער עקאָנאָמישן געוויטער.
מיין בירגערשאַפט איז אָפּהענגיק אין דיין גוטן ווילן.
כ'קוק דיר אין די אויגן
צי ביסטו אַ הונגעריקער, אַ זאַטער.

ביסטו מילד־שיכור,
אָדער דו גייסט זיך צעשפּילן?
כ׳קוק דיר כסדר אין קראַטער.

כ׳ווייס נישט וואָס זאָל איך ווערן,
אַז כ׳זאָל דיר נישט זיין גרויס אין די אויגן.
זאָל איך זיך אויסטויגן פאַר אַן אַדוואָקאַט,
אַ סוחר, אַ קויפער, אַ מוכר?
כ׳קוק דיר אַלץ אין וואולקאַנישן קראַטער,
גייסט זיך שוין צעשוועבלען?
אַן אַרבעטאָרער מיט פאַרסאַזשעטע הענט,
אַ שניידער, אַ דאָקטאָר?
מעג איך נאָך האַנדלען, קויפן, פאַרקויפן?
שלאָגט ער, אָדער איז ער וואויל געניגט?
אָדער ס׳האָט שוין צוועלעווע געשלאָגן
און מען דאַרף גיך כאַפּן די פיס און אַנטלויפן?

אָבער דו, מיין טייערער אינטערנאַציאָנאַלער גוי,
מיטן גאָלדענעם פּאַספּאָרט,
ביסט אומעטום ווילקאָמען,
אין נאָמען פון טאַטן, זון און הייליקן גייסט.
ס׳איז דיר גוט, האָסט אַזאַ פּריוואַטן,
פּערזענלעכן גאָט,
אַ גאָט וואָס וואַכט איבער דיינע זינד,
איבער דיין ווייב און קינד,
איבער דיין קליין הויזגעזינט.
אָבער איך האָב דאָך עפּעס אַ נאַציאָנאַלן גאָט.
מיין גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב,
קערט זיך מיט מיר אַליין גאָרנישט אָן.

ער איז דער גאָט פון מיין פאָלק.
מיט הייליקן צאָרן קען ער זיך
פלוצטהאַלבן געבן אַ צינד אָן.
און פאַרברענען גאַנצע זעקס מיליאָן.
זיין שטראָף אַליין איז גרויסגעטלעך,
אַנטקעגן אים איז דיין פאַרגעביקער גאָט
נישט מער ווי תרפים.
דיין גאָט פירט אַ באַזונדערן חשבון.
ער זאָגט: באַלוין אים,
אָדער באַשטראָף אים.
מיין גאָט האַלט אין זיין שוים אַ גאַנץ פאָלק.
דער יידישער יחיד איז עלנט,
ער שרייט אַרויף, טאַטע פאָטער.
אָבער אויבן הערט מען אים, באַזונדער, ווי דעם קאָטער.

אפילו ווען דו האַלטסט זיך קוים אויף די פיס,
קענסטו אויספאָרן די וועלט,
און שטאָלץ שפּאַצירן דורך אַלע קריזיסן,
ווי אַן עלעגאַנטער טוריסט.
ווי איך בין דיך מקנא, רואיקער שיכורער קריסט.
אָבער אַלע מיינע פאַרפּלאָנצן,
פאַראַקערן, פאַרבויען זיינען אומזיסט.
כ'שטיי און קוק דיר אין די אויגן,
און פאָכע איבער דיר מיט אַ לאָטוס-בלאַט.
זיי נישט הונגעריק. זאָלסט מיר זיין אייביק זאַט.
ס'זאָל דיר קיין שום שלעכטס נישט געשען.
פו, פו, קיין עין הרע.
זאָלסט מיר האָבן צו זעט,
חזיר און אייער,
באַשירעמט זאָלסטו מיר זיין פון יעדער צרה.

ווייל אויף דיינע ריזיקע פלייצעס,
קענסטו נעבעך נישט פאַרטראָגן קיין שטרויעלע שלעכטס.
זאָלסט מיר זיין באַזאָרגט מיטן פלעשל
און אַ טעלער וואַרעם געקעכץ,
אויף קיין בייז אָרט זאָלסטו מיר נישט טרעטן,
זאָלסט מיר האָבן אַ גוטן זיווג אין בעט,
ס'זאָל דיר לייכט זיין דער וועג צום פריוועט.
מיין ציטעריק גויעלע,
קאַפּריזנע זינדל,
ווייל טאָמער עפּעס —
ווער איך גלייך דאָס כפרה-הינדל.
אפשר אין דיין רואיקן שאָטן,
וועט מיר געראָטן זיך האַלטן,
אַ דור אָדער צוויי
און עסן אַ רואיק שטיקל ברויט.

מיין אינטערנאַציאָנאַלער גוי מיט דעם זיכערן פּאַספּאָרט,
האָט פאַרלאָזן דעם זייץ
און איז אַרוים פון סאָבוויי-וואַגאָן.
פאַר אַ „פּראַקטישן" וויץ
האָט ער געלאָזן אַרום מיר אַ ברענענדיקן שייטער.
איך פאָר אַלץ ווייטער און ווייטער,
איך פאָר נאָך אַלץ קיין אַמעריקע.
שוין באַלד פערציק יאָר ווי איך וואַנדער,
ווי די יידן אין מדבר,
מיט אַ דערשראָקענעם פּאַספּאָרט אין קעשענע.
דורך די פינצטערע און שווינדלענדיקע פענצטער,
וואַרפט מען מיר אַריין בריוו פון טאַטע מאַמע.

ליבער זון, האָב גאָט אין האַרצן,
ווי לאַנג איז דער שיעור צו פאָרן קיין אַמעריקע?
שטעל זיך ערגעץ אָפּ, רו אָפּ די מידע פיס,
נעם אַ טרונק וואַסער,
רו אויס די קרעכצנדיקע ביינער.
דיינע געטרייע עלטערן,
וואָס ווינטשן דיר אַלדאָס גוטס, אמן סלה.
ווי לאַנג איז דער שיעור צו לעבן אויף מן,
אויף וואַכטלען?
דיינע האָר הויבן שוין צו פאַרנאַכטלען.
ליבער זון, ביסט שוין נישט קיין יינגעלע,
ביסט שוין אַן אַלטער ייד.
ביסט שוין אַן אַלטער, אַלטער ייד,
אַן אַלטער, אַלטער, אַלטער, אַלטער,
אַלטער, אַלטער ייד.
אַלטער, אַלטער ייד.
פון אונדז דיינע טויטע טאַטע-מאַמע,
יצחק און איטע רחל,
טויטע טאַטע-מאַמע,
טאַטע טויטע מאַמע.
טאַטע, טויטע, טאַטע טויטע.
אַלטער, אַלטער ייד.

כ׳פאָר אַלץ ווייטער און ווייטער,
כ׳מוז ערגעץ געפינען אַ שענערע אַמעריקע,
אַ בעסערע.
כ׳דאַוון אין סאָבוויי אַ יידיש בלאַט
און גיי אויס שמונה-עשרה.

אַ קרישקע זון

איבער מיין טרויעריקן דאַך
האָסטו זיך צעאייביקט אין אַ קרישקע זון.
ווי אַ טויב קלייב איך שפּריצלעך ליכט
און לערן עפּעס דערפון.

מה־דאָך פון איין קרישקע אייביקייט,
האָב איך קערנער לרוב צום לעבן.
משטיינס געזאָגט, מיינע באַדערפעניש,
ווי גאַרנישט שעבעגאַרנישט דו דאַרפסט מיר געבן.

מײַן קינדס-קינדס פֿאַרגאַנגענהייט

מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט

אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך אַלעמאָל פאַרגאַנגען.
ווי אַ וואונדער פאַרגאַנגען.
און אין איצט בין איך געווען אַ חדר־ייִנגל,
וואָס האָט געלעבט מיט גמרא־געזאַנגען,
ווי אַ חדר־ייִנגל דאַרף לעבן,
מיט אַ צוגעשפּאַרטער זון,
אין אַן אויסגעטראַכטן פּאַלאַץ
פון ייִדישע צרות.
אוי, מיין פּאַלאַץ האָט געברענט ליכטיקער,
ווי טויזנט־און־איין־נאַכט.
ס'האָבן עלטער־עלטער זיידעס
מיינע אונטערגעצונדענע חורבנות אויסגעטראַכט.

בין איך אונטערגעגאַנגען מיטן ערשטן חורבן
און מיט דעם צווייטן.
מיך אַליין האָט מען אויסגעשאָכטן אין די טויזנטער,
אויפגעגעסן אין הונגערטעג
און מיך צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער.
און סליחות און קינות און שטראָפן
האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן

אַשור, בבל און מלכות-יון
דורך אַלע מײַנע תשעה-באבן.
און דער הונט און דער סטרוזש
און די זאַמדער שלעגער
זײַנען כסדר געווען מײַנע יעגער.
און איך — אַ קלײן יידיש פּיקסעלע,
מיט אַ לעבן אָנגעשראָקן און אָנגעשפּיצט,
האָב זיך באַשיצט מיט אַ ל"ג-בעומר ביקסעלע,
ווײַל כ'האָב געמוזט וואַקסן און לעבן איצט,
ווײַל אין דער פאַרגאַנגענהייט
בין איך אַלעמאָל פאַרגאַנגען —
ווי אַ וואונדער פאַרגאַנגען.

אין די מיטעלע יאָרן איז מיר באַשערט
צו טרעפן זיך אויג-אויף-אויג און דערזען
מײַן קינדערשן אַמאָל-איז-געווען.
מײַן פּאַלאַץ פון יידישע צרות
איז נישט קײן לעגענדאַרישער,
און מען ברענגט מיך אום טאָגטעגלעך
אין די צענדליקער טויזנטער.
ווי האָב איך גאָר געקענט מײנען,
אַז יידישע פאַרגאַנגענהייט
איז אַ היסטאָרישער בית-הקברות,
ווי האָב איך זיך געקענט אײנריידן,
אַז ס'וועלן יידישע קינדער דערצויגן
אין לוקסוס פון אויסגעטראַכטע צרות.

אויג אויף אויג מיט אַלע מײַנע אונטערגאַנגען,
מײַן חורבן ברענט.
באַלד וועלן מיך דערגרייכן די טויטן פון מײַן צײַט.
גאָט, כ'וועל מײַן קינדס-קינדס פאַרגאַנגענהייט.

אַ יידישע קרוין

ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר,
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער
ווי אַ יידישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה,
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע.
איבערנאַכט בין איך זיין אייניקל געוואָרן.
מיר האָבן דערפון ביידע געוואונען און גאָרנישט פאַרלאָרן.
מיר האָבן ביידע געזונגען אַ ירושהדיק ליד,
מיט שמחה איז מיין טאַטע געוואָרן
אַן אַלטער ייד.
און זיין טלית און תפילין און קיטל,
זיין שיטערע באָרד און גלותדיק היטל,
די ממעמקימדיקע קרעכצן,
אפילו ווען ער האָט טועם געווען דער מאַמעס געקעכצן,
זיין מעביר זיין די סדרה מיטן טראָפּ,
זיינען געוואָרן דער פרומער בוים,
וואָס האָט זיך צעבליט אין מיין קאָפּ.
ר׳איז געוואָרן אַלט, מיין טאַטע,
מיט אַ פאַרצייטיקער יונגשאַפט —
אַן אַלטקייט וואָס קאַרגט נישט און רעכנט נישט די יאָר,
וואָס איז באַשיצט קעגן טויט
און פאַרפאַנצערט אַקעגן מורא,
מיט טויזנטער מאָרגנס פון עבודת הבורא.
זיין אמונה איז געווען לאַנד,

ערד אונטער די פיס —
ארץ ישראל,
מיט ביימער און הימל,
מיט באַרג און מיט טאָל.
מיט פעלדער און וועלדער,
וועסערלעך מחיהדיקע,
קוואַלן און ברונעמס.
זיין אמונה האָט באַגראָזט די יידנגאַס.
נישט קיין קליידער־סוחר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף,
נאָר אַ פּאַסטעך צו פּאַשען זיינע רינדער און שאָף.
ס׳זיינען אויפגעגאַנגען זונען איבער זיין שטיקעל וועלט,
ווען ער איז אַרויס אין טלית פון געצעלט,
און געאַקערט און געזייט די יידישע ערד.
די בייטן האָבן מאָרגנדיק געגרינט,
אפילו ווען ער האָט בדוחק אויף חיונה פאַרדינט.

צו מיינע זיבן און פערציק יאָר קען איך קוים זיין אַ טאַטע.
כ׳בין ביי דער מורא פאַר דער עלטער געפאַנגען.
מיט דיר, טאַטע, איז די גאַנצע
יידישע זיידעשאַפט פאַרגאַנגען.
טאָג־איין־טאָג־אויס קום איך די מיאוסע וועלט פאַרשעמען
מיט מיינע יידישע פּראָבלעמען.
די וועלט ווערט נעבעך רויט און פאַלט ביי זיך אַרונטער,
און איך האַלט זיך קוים אויף די פיס
און גיי אונטער.
כ׳באַקלאָג און באַוויין דיך, טאַטע,
און דו לעבסט אין מיר.
כ׳קוש די טריט פון מיין בענקשאַפט נאָך דיר.

מיין טאַטע יצחק

אַז מען האָט דעם אַלטן יצחק געפירט צו דער עקדה,
האָט ער אויפגעהויבן צום הימל די פאַרטונקלטע אויגן,
געזאָגט האָט ער מיט אַ שטים אַ מידער:
כ׳וויים אַז כ׳וועל איצט זיין דיין ווידער.
קיין גוטער מלאך איז נישט אָנגעפלויגן.
ס׳ווערט דאָס פייער פלאַמענדיקער און גרעסער.
פאַר מיין האַלדז איז געשאַרפט דאָס מעסער.
דער אַלטער יצחק האָט זיך נישט גענאַרט,
ווי ווען ער איז אַ חומש-יינגל געווען.
ער האָט אויף קיין לעמל נישט געוואַרט.
ווען מען האָט אים גענומען בינדן צום מזבח
און ער האָט דערפילט דעם זענגענדיקן ריח,
האָט ער אַזוי געטאָן זאָגן:
גאָט וועט די שחיטה נישט איבערשלאָגן.
ער האָט אויסגערופן מיט אַ שטים אַ מידער:
הנני, כ׳בין גרייט צו זיין דיין ווידער.

דער עלפטער

ניִשט אַברהם האָט דעם מזבח געבויט,
ניִשט אַן אייגענער טאַטע האָט אים באַשערט דעם טויט.
ס'האָט אים צום מזבח געפירט אַ רשע, אַן אכזר.
אַ שטאָלצער איז געגאַנגען אַ ייִד פונעם מחזור.
אַ גאָט, אין זכות פון זיין פרומער מאַמען,
וועט מען רייסן זיין לייב מיט אייזערענע קאַמען.
אַ פשוטן סוחר האָט מען אויסגעקליבן
און ווי אַ צדיק אים צום טויט געטריבן.

ווי גוט וואָס ער איז אין די דריבנע אותיותלעך באַהאַוונט.
איצט ווערט ער אַליין אין סידור אַריינגעדאַוונט.
איצט ווערט ער אין מחזור אַריינגעשריבן.
ער, דער זון פון אַ פרומען חייט,
ווערט אַריינגעניגונט אין יום-טובדיקן פאַיעט.
ס'וועלן דורות פון אים זינגען שטאָלצע לידער.
מאַכט אַ וואַרע.
ס'קומט דער עלפטער פון די פאַרפייניקטע ברידער.

דער זיידע ענזל וועקט זיך

עצבות מיינע, פרעם מיר נישט אויף ס׳טויטע האַרץ.
גאָרסטע שטילקייט, וואָס וועקסטו מיך פון שלאָף?
שוין ווידער עפּעס אַ ויהי, שוין ווידער אַ שטראָף?
וואָס פאַרגינט מען מיר נישט
דעם באַשערטן חושך מיינעם,
די לאַמטערנע מיינע צו דער אייביקייט?

זיידע ענזל, גרויסער שותק,
ערשטער נאָמען פון מיין שטאַם,
הייליקער סוד, פון די זעקס און דרייסיק זיילן.
דו וואָס האָסט זיך מפרנס געווען
פון שמשות אין מהר"ם,
זע די פינצטערע פרייד דיינע.
ס'שפּאַנט צו דיר מיט מזל ברכה
דיין גאַנצע טויטע משפחה.

זאַמל זי איין. דאָס איז דיינס.
דאָס איז דיין אַרבונג,
דיין גאַנצע ערדישקייט,
דער צונויפגערעכנטער סך־הכל
פון דיין לעבן און דיין שטאַרבונג,
לאָמיר טאַנצן — דו אינמיטן,
דעם כרת־טאַנץ פון אַ יידישער משפחה,
אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ,
אַלע טויט, אַלע דאָ, אַלע גאַנץ.

זיידע ענזל, האָסטו איטלעכן דערקענט?
האָסטו יעדער טויט באַנומען?
ווי קען איצטער משיח קומען?
נישט כולו זכאי, נישט כולו חייב,
נאָר כולו פאַרברענט.

אַלע צווייגלעך פון דיין חלום
גיבן דעם טויטן זיידן שלום.
דער משפחה־קרייז איז פאַרענדיקט.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ.
פאַרשניטן, אויסגעפליקט איז דאָס לעבן.
דער עיגול פון טויט איז גאַנץ.

מיין ברודער בנימין

שענק מיר נאָך־נישט אויסגעוויינטע ווערטער,
גאָט, כ׳האָב נישט קיין כוח צו שעלטן
און איך וועל מיט זיי פאַרוויינען
דיינע פאַררויכטע וועלטן.

צו וואָס האָסטו באַדאַרפט,
אַז ס׳זאָל זיך אויף דער וועלט אַרומדרייען
מיין ברודער בנימין?
דערמיט האָסטו אים אויסדערוויילט,
וואָס האָסט אים אַלעמאָל פאַרזען און פאַרטיילט.
ער האָט געשניידערט, געוועבט
און אויך־מיר געלעבט,
כדי וואָס? כדי זאָלסט אַן אָרעמען וועבער,
אויסשטאַטן אין בגדי קאָנצענטראַציע לאַגער,
און אים אונטערפירען אָן תכריכים און אָן אַ באַגרעבער
צום קוימען.
און ביי דער רעכטער זייט האָסטו אים נחת באַשערט.

האָסט זיין וועג באַשווערט מיט דעם איינציקן
טרוים פון זיינע טרוימען,
זיין לאַכנדיק שטיקל פרייד
מיט די פעך־שוואַרצע זונען.
און ביי דער לינקער זייט
זיין שווער־לייביק ווייב,
פון אַ שטעטל אַ נאָענטס,
וואָס האָט אים אויפגעזוכט, געפונען,
און זיך פאַרנומען צו טיילן ביזן פאַר ביזן —
אָרעמקייט.

אויף וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם נאַרישן וויץ?
האָסט געגעבן אַ בליץ און באַשאַפן אַ שטיקל אומגליק.
פון אַלץ האָסטו אים געקאַרגט.
האָסט אים געהאַלטן אין איין פאַרפּאַטשן, פאַרשעמען,
און נישט דערקענען.
אָבער אָפּגעהיט האָסטו ס׳נפש זיינס,
ווייל דו האָסט אים זייער נייטיק באַדאַרפט,
צו פיר און פערציק יאָר פאַרברענען.
ליבער, הייליקער נאָמען,
מאי קא משמע מיין ברודער בנימין?
אויף וואָס האָסטו אים באַשאַפן,
און קיין קרישקע גליק אים נישט געגעבן,
צו וואָס זיין גאַנץ לעבן פאַרשענדט?
האָסט דווקא געוואָלט אַז ער מיטן ווייב זאָלן דערלעבן
פרייד אויף אַריבערצושוימען,
צו פירן דעם איינציקן זון
צו דער חופה פון קוימען,
און דאָרט האָסטו זיי אַלעמען פאַרברענט.

ווי די ביימער

און אַז די פּליטים זיינען נאָענט צו דער מוטער רחל צוגעקומען,
האָט זי אײַנגאַנצן אויסגעזען ווי ארץ ישראל ערד.
אַ פרייד האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען,
וואָס ס׳איז זיי די שמחה נישט געוואָרן פאַרשטערט,
וואָס זיי האָבן די לעצטע האָפענונג נישט פאַרלוירן.
ווייל זי האָט דאָס געשטאַלט פון דער מאַמען
אַלץ נישט אָנגעוואוירן.
דאָס איז דער טייטש פון מאַמע־ערד,
וואָס בלייבט אייביק געטריי,
וואָס וואַרט אויף אירע קינדער,
פון דייטשלאַנד, פוילן, אונגאַרן, סלאָוואַקיי.

אָבער אַז מען האָט די קינדער מיט געוואַלט,
גענומען רייסן פון דער ערד ווי די ביימער,
האָט זיך נישט רחלם בעטנדיק געוויין,
נאָר אַ געלעכטער דערהערט.
יאָ, די וויינענדיקע מאַמע האָט צום ערשטן מאָל געלאַכט,
וואָס מען האָט אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע בענקשאַפטן,
צוריק צו אירע אָרעמס געבראַכט,
נאָך אַזויפיל פאַרפּייניקטע יאָרן.

און אַז מען האָט זיי פאָרט מיט געוואַלט
און די שקלאַפן־שיפן זיינען אָפּגעפאָרן,
האָט זיך אַ צערטלעך ליכט איבערן גאַנצן לאַנד צעשטראַלט.
מוטער רחל האָט געגעבן צום הימל אַ טרייסטנדיקן בליק.
אַזעלכע קינדער וועלן קומען צוריק.

סוצקעווער

די ביקס איז לעבן דיר
אַ האַלב-וואַכע געשלאָפֿן,
ווען דו ביסט אַרויסגעקומען פֿון די וועלדער.
טויט-מיד
און גלייך צוגעפֿאַלן צום ליד.
די זינגענדיקע סטראָפֿן
האָבן דיין אויסגעמוטשעטן גוף
נאָך לופֿטיקער געמאַכט.
מיט דערשראָקענע פֿליגל,
האָט דער יונגער שר פֿון יידיש
איבער דיר געוואַכט.

מיט דעם נישט-פֿאַרשניצטן שטיקל בלייער,
האָסטו קוים געציטערט,
איבער אָפּגעריבן שיימעסדיק פּאַפּיר.
אַ טונקל וואָרט לויכט אויף פֿון אַ ריר
און ווערט באַלד געפּאָרט.
ס'פֿלאַטערט דער בלייער ווי אַ גלעט,
אין די גלויביקע הענט פֿון פּאָעט.
ער טרייבט פֿון זיך הונגער, ביטערקייט און סם
און צינדט אָן די פֿינצטערע שורות
מיט דעם ליכט פֿון אַ גראַם.

דו מוזט דעם אָרעמען שרייב־וואָפן,
דעם בלייער,
שאַנעווען און האַלטן טייער.
הונדערטער סטראָפן דאַרפן נאָך היינט
אויף דעם צעפּאַלענעם פּאַפּיר
ווערן איינגעקריצט,
מיט דעם לעצטן שטיקל בלייער
וואָס איז נישט פאַרשניצט.

אַ קליינע פאַרוואָרלאָזטע קלויז,
אין ליידיקן ארון קודש צייגדלט אַ דערשראָקענע מויז,
דורך דער צעבראָכענער שויב סאַזשעט אַ פינצטערניש אריין.
דער שר פון יידיש האָט נייע שיימעס אויפגעקליבן
און געבענטשט דעם קליינעם בלייער
ער זאָל נישט ווערן אויסגעשריבן.

אין דער אָן־ניסימדיקער, פאַרשוועכטער קלויז,
האָט דער שרייבער אין דער פינצטער געזען,
ווי די אַלטע, פאַרשיימעטע אותיות האָבן זיך אויסגעריבן,
און אויף קלאָר פּאַפּיר
האָט דאָס שטיקל שרייבפּענדל אַ גאַנצע נאַכט געשריבן
און זיך נישט אויסגעשריבן.

דער יונגער שר פון יידיש
האָט זיך קוים איינגעהאַלטן
צו געבן אַ גלעט
די צעפּאַטלטע האָר פון פּאָעט.
ער האָט געלאָזט פאַלן
אַן איינציקע, שטילע טרער.
נישט נס־חנוכה,
נאָר נס־סוצקעווער.

פופציק יאָר

ממש איבערנאַכט, איז מיר אָנגעוואָקסן
אַ קאָנפוציש בערדל,
און איך האָב גענומען באַלאַקען,
וועגן דעם זין פון לעבן.
וואו איז אַהינגעקומען
מיין חכמהדיק שווערדל,
וואָס מיט אים האָב איך זיך כסדר
געלערנט פעכטן?
זאָל זיין אַז כ׳האָב עס ערשט נעכטן
אַוועקגעגעבן?
זאָל זיך האַלטן דערמיט דער,
וועמען איך האָב עס אַוועקגעשענקט.
שוין יאָרן ווי כ׳האָב נאָך מיין יוגנט
נישט געבענקט.

מיר דאַכט זיך ס'וואָלט געווען
אַ חוצפּה און פאַרשייט,
צו זיין יונג
אין אַזאַ מכשפהדיקער צייט.
כ'בין אַקוראַט אַזוי אַלט, ווי ס'דאַרף אַלט זיין אַ מענטש,
אין איצטיקן מאָמענט.
פון איין זייט
פונקט געגנוג טעג פאַרברענט,
פון דער אַנדער זייט נאָך אַביסל,
פון וויפל ס'איז באַשערט,
פאַר אַן אומרואיקן שפּאַציר,
אויף ברענענדיקער ערד.

גלויב איך אין דער צוקונפט, אין מענטש?
כ'שטעל זיך פאָר אַז יאָ,
אָבער איך גלויב שוין אַזוי היפּשע יאָר.
און איך בין מיד,
ווי איך בין אַ ייד,
צו בראָדיען דורך בלוט.
כ'האָב שוין נישט קיין מוט
זיך צו וויקן אין גלויבן.
נעווערמאָר!
ס'וואַקסן אונטער נייע גלויבערס,
און נייע רויבערס,
און אפילו פון דעם שארית הפליטה,
צעזייטע און צעשפּרייטע,
וואַקסן אונטער נייע יידן,
פאַר אַ נייעם ציקל —
אָנהויב, מיטן, כמעט סוף.

אַט-אַט, כמעט סוף,
שטראָף אָן שכר, חושך,
ישועה, איבערגעציילט ?
וויפל זיינען געבליבן ?
נישט גערוט, נישט געשלאָפן.
ווייטער געטריבן, ווייטער געלאָפן.
פון שטענדיקן געיעג און געאייל,
בין איך מיד, ווי, אָדער ווייל,
כ׳בין אַ ייד.

זעט נאָר ווי אויסגעצייכנט כ׳האָב געוואוסט,
ווען געבוירן צו ווערן.
כ׳קען אייך שווערן,
כ׳בין פונקט אַזוי אַלט איצט,
ווי ס׳דאַרף זיין
אַ יונגערמאַן אין מיינע יאָרן.
פונקט אַזוי אַלט,
ווי ס׳איז ווייט דער מרחק,
פון מיין יונגער,
פאַרוויסטער היים,
וואָס פון איר בין איך אַמאָל-אַמאָל,
אָן בענקשאַפט,
מיט קינדערשער האָפערדיקייט אַוועקגעפאָרן.
ווי נאַריש דאָס איז געווען.
כ׳האָב דערויף געכאַפט אַ בליק אויף צוריק,
אין די שפּעטערע יאָרן.
כאָטש נאָך איין פאַרטרויעריקטן קוק,
באַדאַרפט יונגערהייט געבן,
אויף אַ שטיק פאַרברענט
צוקונפטיק לעבן.

כ׳טו דערמאָנען

כ׳ט דערמאָנען

נאָך די זאַכן וויל איך דערמאָנען,
די באַזונדערע קלענערע חורבנות,
וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין מיר.
די שטילע אומגליקן וואָס זיינען אין מיר אויפגעגאַנגען,
ווי קליינע שרעקעוודיקע זונען
און ביסלעכווייז פאַרגאַנגען,
אַרומגעוואָלקנט מיט אייגענע יאָרן.
נאָר די זאַכן ט׳ו איך דערמאָנען.
די באָרוועסע חלום-סטעזשקע,
וואָס האָט ווי אַ פרייידיקער שניט
דורכגעבליצט דורך דער מאַפּע
פון מיין פאַרבענקטן שלאָף,
דעם שטילן וועג וואָס האָט צוזאַמענגעקרייצט
אַלע לענדער, אַלע גאַסן, אַלע הייזער,

אויף איין אויפגעשראָקענער, אויפגעוואַכטער
יידנגאַס,
וואָס האָט מיט אירע וואַרעמע שטיינער,
טוכלען געהילץ און מצבהדיקן ציגל
אויפגענומען מיינע אַנלויפנדיקע טריט.
די בשמים-געשעפטן,
די קאַשע- און מעל-קראָמען,
די הערינג-געוועלבלעך,
די נאַפט-קלייטן און די געזייפטע ראַזורעס,
די שייטל- און פּאַרוק-מאַכערס,
די מאַנדלען, טייטלען און פייגן,
דאָס פריש-געבאַקענע זויער-ברויט,
די מאָן און געציבלטע פּלעצלעך,
די חושכדיקע טשייניעס,
מיט די דרימלענדיקע, שוואַרצע ווערעם
אויפן וואַרעמען פּיעקעליק,
די מאָגערע לאָנקעס,
די פאַרדרימלטע און האַלב-לעבעדיקע בית-עלמינס,
וואָס האָבן שטענדיק באַוואַכט
דאָס אָנגעשראָקענע לעבן.
אַלץ האָט געוואַרט אויף דעם ברען און ברי,
פון דעם יינגלס סאָפּענדיקע,
אַנלויפנדיקע טריט
און איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם איינציקן,
שאַרפן און פריידיקן שניט,
פון דער חלום-סטעזשקע,

וואָס האָט געהייסן היים.
דאָס יינגל לויפט פאַרביי
און די פאַרשוואַרצטע, שטעכיקע שטיינער,
זיינען באַלזאַמען צו זיינע מידע פיס.
היים. ס׳יינגל איז געקומען צוריק אַהיים.
ס׳יינגל איז נאַר־וואָס אָנגעלאָפן.
אויף איין פיצל אָרט
איז די גאַנצע אָנגעבענקטע שטאָט
אים געקומען מקבל פנים זיין.
אויף איין שטיקל אָרט
האָבן זיך געגעבן די הענט און צוזאַמענגעחברט
אַלע נייגעריקע יינגלעך און מיידלעך,
כדי נישט צו פאַרנעמען צופיל אָרט,
אויף דער זיגזאַגישער חלום־סטעזשקע.
אָט די סטעזשקע איז פאַרשניטן,
חרוב, אָפּגעווישט.
ס׳איז נישט קיין סך, אפשר
איין געסל, איין טרויעריקער מויער,
האַלב־איינגעפאַלן פון אָנגעבויגענער דערוואַרטונג,
אפשר סך הכל אַ שפּאַן,
אפשר גאַר נישט־מער ווי אַ פּינטל,
קוים צו געפינען מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז,
אויף אַ גרויסער, פאַרוויסטער מאַפּע,
אָבער דעם קליינעם, באַזונדערן חורבן,
טו איך איצטער דערמאָנען.

נאָך דאָס וויל איך דערמאָנען.
אַן אייגן לעבעדיק תנ״כל,
מיט באַוועגלעכע, שטראַלנדיקע,
שטאָלצע אבות און אמהות.
צו מיר האָבן זיי נישט גערעדט קיין וואָרט,
ווייל זיי האָבן געמיינט,
אַז איך בין נאָך נישט געבוירן געוואָרן.
אָבער געוואוינט האָבן זיי אין מײנס אַן אייגן תנ״כל,
געפיטערט זייערע שאָף און געשלאָפן אויף שפּיציקע שטיינער.
ס׳איז נאָך קיינער אַזוי נישט געבוירן געוואָרן,
אין אַן אייגענעם וויגלדיקן אָנהייב ווי איך,
און קיינער איז נאָך אַזוי נישט דערגאַנגען,
צו אַן אייגענעם אָנספּקדיקן סוף.
ס׳איז נאָך קיין באַזונדערער מענטש,
אַזוי באַזונדער נישט אונטערגעגאַנגען.
די קייטלענדיקע יאָרן האָבן נאָך קיין איין יחיד
אַזוי נישט אַרומגעצירקלט ווי מיך,
און אַזוי נישט פאַרלאָשן אין איין מענטשן
די אילומינאַציע פון אַ קיניגלעכן המשך,
ווי אין מיר.
די גאַנצע דערציילטע פאַרגאַנגענהייט
איז געווען פאַר מיר אַזוי גאָלדיק אמת,
ווי אַ שלאָף־געזעטיקטער נאָכמיטאָג,
ווי אַ טייערע, אָנגעגאָסענע בארנע,
וואָס האַלט ביים אַרונטערפאַלן פון בוים.
פאַרוואָס איז מיר באַשערט געווען

אַנצוהייבן פון סאַמע אָנהייב
און דערגיין צום סאַמע סוף,
ווי צו אַ באַזונדערער אייגענער תליה?
ערגעצוואו, אפשר גאָר לעבן דיר,
שטייען נאָך מענטשן אונטערן שאָטן
פון אַ וויגנדיקער פּעטליע,
אָבער דו קוקסט אַרויף צו דיין לעצט רעפּטל זון,
צום ווערג-שלייף,
און ביסט אַליין.
צווישן מיליאָנען טויטן איז דאָס
אַ קלאָגנדיקער תשבורת,
אָבער נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען,
דעם אייגענעם אָנהייב,
און דעם אייגענעם, באַזונדערן סוף.
אַ גרויס פאָלקס מעשה-ביכל
האָט זיך פאַרמאַכט,
אַ גאַנץ פאָלק האָט אַ קוש געטאָן
דעם טאָוול פון בלוטיקן חזק-חזק,
און געשטאָרבן מיט שמע ישראל.
אָבער אין דעם סיום, אויף דעם סאַמע אָפּגרונט,
שימלט ערגעץ מיין אייגענע קריאת שמע,
אין אַ קינדערש בעטל
פרומע, האַלב-פאַרדרימלטע אויגן.
אין דיין האַנט טו איך אָנטרויען
מיין נשמה.
מיין אייגענעם, לעצטן, שמע ישראל

טו איך איצטער דערמאָנען.
ווען איך האָב אָנגעהויבן,
האָב איך ווי אַ קליין פישל,
גענומען שווימען אין לעבעדיקן תנ״כל.
כ׳האָב אַלץ געזען דורך איין שמאָל,
טונקל-גרין אויג,
אַ רואיק אינדזעלע.
דער מינדסטער פון מיין פאָלק בין איך געווען,
און דאָס איז געווען די רבותא,
וואָס איך בין סיוּוי געווען אַ געקרוינטער.
מיין טאַטע האָט איבער מיין פרימאָרגנדיק בעטל געדוכנט
און אין מיר אַריינגעזונגען
אַלץ פון סאַמע-סאַמע אָנהייב.
הער, ווי גאָט שוועבט אין דיין מוחל,
ווי ער גראַבלט דיר דאָס הערצל,
ווי ער באַשווערט דיך צו גלייבן —
בראשית ברא.
און דו האָסט זיך געשפּילט מיט גאָט,
און געהערט ווי ער האָט דיך
געלייטזעליקט.
און דיר מבטיח געווען אַ גאַנץ לאַנד צו ירשן.
ס׳איז געוואָרן פינצטער,
האָסט מיט קורצזיכטיקע, קינדערשע אויגן
דורכגעליכטיקט די פינצטערניש
און געוואָרן דער יורש-עצר
פון אַן אייגענעם כנען.

פאַראוים איז געגאַנגען דיין פאָלק,
און נאָך אים מיט קליינע טריטעלעך,
ביסטו געגאַנגען, מיט אַן אייגענעם
געטלעכן עול אויף די פּלייצעס.
שוין ביים סאַמע סוף פון וועג איז גאָט געוואָרן אין כעס,
און ער האָט אויסגעגאָסן אויף דיין פאָלק
די גאַנצע חומשדיקע תוכחה.
שטיקער שוועבל זיינען געפאַלן דיר אין פנים,
און דו ביסט אַ האַלב-בלינדער
נאָכגעגאַנגען דעם חורבן,
און דאָס טו איך דערמאָנען.

כ׳געדענק, ווי דאָס גאַנצע לעבעדיקע תנ״כל
איז געוואָרן אַ רירעוודיקער אַקוואַריום
מיט אַזאַ פלאַטערנדיקער, שופנדיקער פילפאַרביקייט,
אַז דאָס תנ״כל האָט געפינקלט
און איז געוואָרן אַרומגעזעצט
מיט טייערע איידלשטיינער,
אַרומגערש״ט מיט קלאָרקייט,
ביז ס׳איז געוואָרן די געטייטשטע
און לויטער-געזונגענע געשיכטע פון מיין אייגן פאָלק.
איך, דער מינדסטער,
ווי אַ שפּאָן אויסגעדאַרט,
האָב אָנגעהויבן צו הערשן
איבער אַן אייגענער יידישער געשיכטע.
איך האָב אַ געשריי געטאָן: יהי אור.

און ס׳האָבן אויפגעלויכטן
גמרות, מדרשים,
און ווי אַ פלעמלדיקער דימענט
האָט אַן אויפטועריישער מהרש״א
אַרויסגעשטראַלט פון מיין רבינס טרויעריקע אויגן,
פּרנסהדיקע, וואַכעדיקע אויגן,
דאגהדיקע, עצבותדיקע אויגן,
חיונה־זוכנדיקע, פאַרטרערטע אויגן,
זיפצנדיקע, דרימלענדיקע,
זעלטן מנוחהדיקע, שבתדיקע, גן עדנדיקע אויגן,
שווער און טיף געפרעגטע און מיט אַ ניגון
פאַרענטפערטע אויגן.
די צוויי טרערן, אין די קעצלדיקע אויגן,
פון גרויסן גמרא־מלמדס שטום טעכטערל,
זיינען געווען — איינע אַ לשון־קודשדיקע,
און די צווייטע אַ געטייטשטע,
אַ שעמעוודיקע טרער,
אַ באַגלייטנדיקע אויף שריט און טריט,
אַ וידבר־גערעדטע,
וואָס האָט געדינט דעם לשון קודש,
מיט אַזויפיל געטריישאַפט,
וואָס האָט אויסגעזויגן ס׳לעצטע ביסל ליכט
פון אַ טונקעלן פסוק,
און אים גלייך דערלאַנגט אויף אַ פרייגעבערישער טאַץ,
ווי אַ פון גאַנצן הארצן פאַרגונען שבת־אויבס,
צו ווייבלעך און מיידלעך,

און צו טייערע, וואַרעמע אַמעראַצים,
מיט ריזיק־גרויסע הערצער,
ווי ברייט־צעעפנטע טייסטערס,
וואָס האָבן אָנגעקוואָלן,
וואָס ס׳עפנט זיך אַ טירל, ס׳עפנט זיך דער טייטש,
ס׳עפנט זיך דער מוח,
ס׳צעפראַלט זיך דאָס גרויסע האַרץ.
ס׳איז שוין דעמאָלט געווען
אַזויפיל און אַזויפיל לבריאת העולם,
אָבער ביי מיר איז די וועלט
געווען אַ פונק־נייע,
אַן ערשט באַשאַפענע.
מיין יידיש פאָלק האָט ערשט אָנגעהויבן
ליידן פון סאַמע אָנהייב,
מיין אייגן, קליין און אָרעם פאָלק,
וואָס מיין פאַרהאָרעוועטער טאַטע
האָט פאַר מיר אויסדערוויילט.
מיין לאַנד איז געווען אַ פיצלס,
אָבער ס׳האָט געהאַלטן אין איין רינען
מילך און האָניק פון אַלע אייטערס,
און ס׳האָט דאָרטן געבליט אַן איינציקער פייגנבוים,
אַ טייטלבוים, אַן איילבירט,
אין דעם לאַנד פון מיין פאָלק,
וואָס מיין גוטער טאַטע האָט פאַר מיר אויסדערוויילט.

נאָך דאָס דאַרף איך דערמאָנען:
די אויפגעציליעטע לידער
פון מיין מאַמען,
די לאַכנדיקע, קלוגע און קוים־געגראַמטע ווערטער.
די מחיהדיקע, מוסר־השכלדיקע,
איר שטיל מויל, וואָס האָט זיך אַלעמאָל
פריער קלוג באַדאַכט,
איידער ס׳האָט זיך שוין געעפנט
און אַרומגעקיילעכדיקט אַ באַטעמטן זאָג,
וואָס די גאַנצע משפחה האָט געוואַרט דערויף,
ווי אויף אַן עצה טובה.
מיין מאַמע, די שטאָלצע דינסט פון איר הויזגעזינט,
האָט צווישן שייערן, קאָכן,
און וואַשן גרעט,
מיר פאַרטרויט דאָס וואונדער
פון דעם פויעריש־יידישן גלייכווערטל,
פויעריש־איינגעזעסן אויף אייגענער ערד,
מיט אייגענע קי, אייגענע סעדער,
אייגענער סמעטענע און רויטע יאַגדעס
און געפעפערטע, האַרטע, געטרוקנטע קעזלעך.
זי, די מאַמע מיינע, האָב איך געקרוינט,
פאַר דער מאַמען פון מיין גאַנץ יידיש פאָלק.
און צו איר און נאָך איר
האָב איך מיין גאַנץ לעבן געבענקט,
ווען ס׳האָט אויפגעלויכטן און אויפגעטונקלט
דאָס קליינע פינטעלע אויף מיין חלום מאַפע.

און נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען.
ווען כ׳בין געקומען צו איר מיט גראַטעסקע טריט,
פון אַ כלומרשט דערוואַקסענעם,
בין איך שוין געווען כמעט אַזוי אַלט,
כמעט אַזוי טרויעריק
און כמעט אַזוי קלוג ווי זי.
אָבער געזוכט האָב איך שוץ, אָנלען,
ביי אַ שטאַרבנדיקער מאַמען,
וואָס כ׳האָב שוין כמעט אָנגעיאָגט אין עלטער.
כ׳האָב באַשיינפּערלעך געזען
ווי דאָס שטילע, געכאָוועטע יידיש
איז אויסגעגאַנגען אויף אירע ליפּן.
אַלע קינדער-שולן, היים-שולן,
פֿאָלק-שולן, גאָרטן-שולן,
גאַנצע און האַלבע שולן,
יידישע גימנאַזיעס, רעאַל-שולן,
פֿאַרשעמטע, נישט-געלייענטע יידישע ביכער,
אַלע האָבן געוואַרט ביי איר בעט
און איר געקוקט אין מויל אַריין.
פּלוצים האָט זי געעפֿנט די אויגן
און מיך משלח געווען פון צימער.
מיין קרוין, מיין אויג אין קאָפּ,
קען נעבעך נישט פֿאַרטראָגן מיינע לעצטע יסורים —
האָט זי שטאַרבנדיק פֿאַרנומען מיין צער.
מיין טייערע מאַמע, מיין קלוג מויל,
מיין אייגן מאַמע-לשון, וואָס איז אַזוי

צערטלעך אויפגעגאַנגען פֿאַר מיר
אין לובלינער געשעפֿטשעטע פֿאַרנאַכטן.
מיין מאַמע־לשון, מיט דעם וועקסענעם פּנים,
מיט די יסורים דערשראָקענע,
האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן.
נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען.

און אַז מיין צדקותדיקער טאַטע
וואָס איז געווען מיין פֿענצטערל צו דער גרויסער וועלט,
מיין טאַטע, מיט די זיכערע, נחתדיקע טריט,
מיט די גלויביקע, בטחונדיקע טריט,
אַז ער האָט מיטגענומען מיין ברודער בנימין,
מיט די גליאיקע אויגן,
און מיט בנימינס ווייב און קינד
זיינען זיי אַלע געגאַנגען מיטן גאַנצן פֿאָלק,
האָבן זיי באַזונדערע, קליינע, געמאָסטענע, שניידיקע טריט
געמאַכט פֿאַר מיר.
זיי זיינען באַזונדער געגאַנגען אויף מיין שמאָלער אַלייע.
דאָרט, מיטן פֿאָלק זיינען זיי געגאַנגען מיט טריט,
וואָס האָבן זיך געציילט, ווי זאַמד ביים ים,
אָבער פֿאַר מיר זיינען זיי געווען,
באַזונדערדיקע טריט,
ווי אייגענע האַרץ־קלעפּ.
מיין אייגן פֿאָלק, וואָס מיט אים האָב איך אָנגעהויבן
מיין באַשאַפֿענע וועלט —
שפּאַנט איצט צום סוף,

מיין באַשאַפּענע וועלט וואָס האָט געהאַט אַן אָנהייב,
ברענט איצט אין די לעצטע שעהן פון אונטערגאַנג.
דער גאַנצער הימל לעשט זיך.
אַ גאַנץ תנ״כל ווערט פינצטער און שטום,
אַ גאַנץ לאַנד ווערט חרוב.
ס׳גייען מיליאָנען און מיט זיי
מיין טאַטע, מיט די ווייצלדיקע אויגן,
מיין ברודער בנימין,
מיט צוטרוילעכער ליבשפּאַט, נאָכן טאַטן,
מיט ווייב און קינד.
און באַזונדער שפּאַנען זיי
דורך מיין חלום-סטעזשקע,
גייען פאַרביי, גייען אונטער,
און צערייסן מיין גאַנצן חלום,
ווי שפּינוועב.
נאָך די באַזונדערע קלענערע חורבות,
וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין מיר,
האָב איך געמוזט טאָן דערמאָנען.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט

לובלין, מיין הייליקע יידישע שטאָט, שטאָט פון גרויסן יידישן דלות און פרייליכע יידישע יום־טובים. דיין יידן־גאַס האָט געשמעקט מיט פרישע ראָזעווע און געבייטלט ברויט, געזייערטע אוגערקעס, בשמים, הערינג און יידישן בטחון. דעם רבינס בית־מדרש, די מהר״ם־שול און די מהרש״ל־שול, די באַלמעלאָכעשע שטיבלעך און שולכלעך האָבן געשאָנקען דעם קודש צום חול פון דעם וואָכיקן גרויסהאַנדל, משטיינס געזאָגט. די פאַרמעליקטע טרעגערס, וואָס זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ צווייער, האָבן זיך בינו לבינו אַריינגע־כאַפּט אין רבינס בית־מדרש און הנאה געהאַט פון קול יעקב, פון די בחורים מיט די אַטלעסענע און סאַמעטענע קולכעלעך.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט, שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסן־קאַמף. דיינע שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, דיינע געזעלן און משרתים זיינען אויפגעשטאַנען איינצופירן יושר, גלייכהייט, ברידערלעכקייט פאַר אַלע „חברים און בערגער״. אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט די אויגן, ווען זיי זיינען מיט שמחה געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין און אויפן וועג געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט פון בילדונג־דאָרשטיקע יונגע־לייט און יונגע מיידלעך, פון דעם ערשטן בעז־אַראָמאַט פון יונג־העברעאיש און פון דער באַטעמטקייט פון שטאָלצן יידיש, פון חדר מתוקן, הזמיר, פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון אונ־דזער געקייטלטער בענקשאַפט קיין אָדעס און קיין וואַרשע, וואו מיר האָבן געציטערט איבער ביאַליק, פרישמאַן, מענ־דעלי, פרץ, שלום עליכם, רייזען. מיין שטאָט פון פאַרחלומטע מאָלערס, פאָעטן און פידל־שפּילערס.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט, מיט דעם אַלט־אַלטן און ניי־אַלטן בית־עולם, מיט די אוהלים פון גוטע יידן, קברים וואָס צו זיי טאָר מען נאָענט נישט צוטרעטן, סיידן אין אַ גרויסער צרה, ווייל די ערד ברענט ממש פון הייליקייט.

הייליקע שטאָט מיינע, דאָס האָסטו אויסגעבעטן די זכיה פאַר זיך, אַז ווען מען וועט ברענען און בראָטן אַנדערט־האַלבן מיליאָן יידן, זאָל מען עס טאָן אין שאָטן פון דיינע קנאַפּע טויזנט יאָר יידישקייט. דעם־אָ הייליקן בית־עולם האָסטו געוואָלט פאַר זיך, כדי פון אַלע דיינע הייליקע גוטע ערטער זאָל ווערן איין הייליק גוט־אָרט פאַר איין גרויסן צדיק — דאָס יידישן פאָלק. כ'צי אַרונטער די שיך פון מיינע פיס ווען כ'קום צו צום מאַידאַנעק־וועלדל. די ערד איז קודש קדשים, ווייל ס'יידישע פאָלק רוט דאָרט אין שאָטן פון הונדערטער פרומע דורות.

ווער וועט דיך צוריקשטעלן און צוריקבויען, מיין הייליקע שטאָט, אַז פאַרוויסט ביסטו געוואָרן ביז דיינע פונדאַמענטן און ביסט איין מוראדיקע מצבה.

מען שלאָגט שינדלען, מען לייגט דעכער, מען פאַרריכט און מען פאַרניצעוועט אַן אַלטע, פאַסקודנע וועלט, אָבער מיין הייליקע שטאָט, די שטאָט פון מיין וועלט, וועט קיינמאָל נישט צוריקגעבויט ווערן.

ביכער וואָס זיינען דערשינען פון זעלביקן מחבר

•

יעקב גלאַטשטיין, 1921, פאַרלאַג קולטור

פרייע פערזן, 1926, פאַרלאַג גראַהאַר־סטאָדאָלסקי

קרעדאָס, 1929, פאַרלאַג יידיש לעבן

יידישטייטשן, 1937, פאַרלאַג בזשאָזע, וואַרשע

ווען יאַש איז געפאָרן, 1938, פאַרלאַג אינזיך

עמיל און קאַרל, 1940, פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי

ווען יאַש איז געקומען, 1940, פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי

געדענק לידער, 1943, פאַרלאַג יידישער קעמפער

יאָסל לאָקש, 1944, פאַרלאַג מחמדים